פונקט אַזוי געבערענט האָט אויף אַלעמען אונז די הויט,
דאָס שוואַכינקע שעפעלע און דעם לייב דעם גבור
צו ראַטעווען איבערן כבר, איבערן טיבער,
צו דערלייזן דעם מענטש פון יסורים און פון נויט.

אָ, אַז צו אונז איצט איר זייט אַריבערגעקומען,
די צוגעזאָגטע נבואה איך האָב באַנומען:
יאָ אונטער יענקעלעס וויגעלע באַהאַלטן,

טויזנט יאָר נישט נאָר איז דאָס שעפעלע געשטאַנען,
דער לייב מיט זיין גרימיקן ברילן און מיט זיין שפּאַנען,
האָט געטשאַטעוועט דאָרט געצוימט און איינגעהאַלטן.

7

נישט אַ שוואַכינקע שעפעלע זיך צו לייגן
שפּעטער ווי אַ לייב אַ ווילדער אויפשטיין צו קענען,
מיט אַ גריוועס וואָס פלאַקערט און אויגן וואָס ברענען — —
און פאַר יונגע לייבן־שעפעלעך וואָס זייגן

זיינען די דזשאַנגל־וועלדער דאָך שוין די שטייגן,
שטאַבעס־אייזן די פעסטע דעמבעס און די טענען!
יאָ, יענע שעפעלעך־סטאַדעס אָבער מיר זענען,
לריפּעדיק־טוליעדיק און פולע מיט שווייגן,

נאָר פון גרויס רחמנות איינער פאַרן אַנדערן,
לייבן מיר ווערן מיטן אין אונזער וואַנדערן!
און אין די הערצער ס׳טוליעדיקע שרעקן,

פול מיט ציטערן און מיט הייליקן גענאָד,
עס ווערט דאָס בלוטיק קרייזנדיקע כשוף־ראָד,
דאָס אכזריות פון דער וועלט אָפּצומעקן.

## מיטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

(אין יידישן שעלטער, 63, מענסעל סטריט, לאָנדאָן, א.1.—3 אַזייגער)

שבת, דעם 20־טן נאָוו., וועט אליהו פאַלושאַק האַלטן אַ פאָרטראַג „קענסטו דיין שונא?“

שבת, דעם 27־טן נאָוו. אַ שאול טשערניכאָווסקי מעמאָריעל־פייערונג. שלמה אויערבאַך וועט האַלטן אַ פאָרטראַג.

שבת, דעם 4־טן דעצעמבער, וועט זיין אַ נאָכמיטאָג לכבוד לייב קורלאַנדס בוך דערציילונגען „עס האָט זיך אָנגעהויבן“.

שבת, דעם 11־טן דעצ., לכבוד בן־א. סאָסאָטשעווסקיס ניי־דער־שינענעם בוך „שמע־ישראל“.

---

**א. נ. ש ט ע נ צ ל**

**6 פּענס**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי, 129־131, קאָוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

45
47
46

לאָנדאָן, ווייטשעפּעל — 15־טן דעצעמבער, 1943

# א יידישער פארלעגער

## דער דרוקער און פארלעגער י. נאראדיצקי

אויב אונזער קינסטלערישע געשאַפן וואָרט דאָ, אין און פון אונזער ישוב, וועט קאָנען זיין, אין אוממיטלבאַרן־דירעקטן און אין פּאָזיטיוון זין, ווערטפולער מאַטעריאַל פאַרן צוקונפטיקן יידישן היסטאָריקער, אים דינען ווי אַן עכט פאָר־טרעט, ווי אַ גוט בילד צו רעקאָנסטרואירן דערמיט אונזער לעבן — דאָס וועט ערשט אָפּ׳פסק׳ענען די געשיכטע! אַלנפאַלס איז עס זייער נויטיק און וויכטיק, אַז דער קומענדיקער געשיכטע־פאָרשער זאָל כאָטש געפינען דעם „נעגאַטיוו“ כדי ער זאָל כאָטש קענען ווי נישט איז עפּעס אַרויסרעטושירן דערפון — פאַרן היסטאָריקער, על כל פנים, אַרויסצובאַקומען דעם קולטורעלן ניווא, דעם געזעלשאַפטלעכן מצב פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע, איז אפשר די לעצטע דער־מאָנטע מעטאָדע נאָך „אינטערעסאַנטערער אַרבעט“...

קוקנדיק פון דעם בליק־פונקט, ווערט אַלץ טעשאַפענע דאָ טייער און ווערט־פול! נישט נאָר דאָס געפאָרעמטע קינסטלערישע בוך און דער פובליציסטישער זשורנאַל, און אפילו די מינדסטע פאַמפלעט־בראָשור, נאָר יעטווידעס רבנישע און חסידישע ספר איז קולטור־על וויכטיק און קאָן זיין מאָסגעבנדיק פאַרן קו־מענדיקן פאָרשער.

פון דעם שטאַנדפונקט איז דער פאַרלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי ממש אַ גאָלד־גרוב פאַרן קומענדיקן יידישן געשיכטע־שרייבער! פון די סיסטעמאַ־טישע אַרבעטן פון פּראָפעסאָר צורי׳ס „משפט ישראל“ און דיין אַבראַמסקי׳ס „תוספתא“, איבער סידאָ׳ס „דיאַלעקטיק“ און מייער׳ס „40 יאָר יידיש טעאַטער“ ביז די מטושטשקייטן און פאַרפלאָנטערטקייטן פון דר. זאַנדבערג׳ס „ספר הרפואות“ און רבי גאָלד׳ס גמטריאות, קאָן מען שוין האָבן אַ שטיקל פאָר־שטעלונג איבער דעם ביטערן גייסטיק ראַנגלדיקן ישוב דאָ. יאָ, ווען נאָר ר׳ מנשה אַדלערס „מרור דרבנן“ (אַ מין הקדמה צו זיין שאלה ותשובה ספר). אַליין זאָל נאָר איבעריק בלייבן פונם געדרוקטן וואָרט דאָ פאַר די קומענדיקע דורות, וועט עס נישט נאָר זיין נוצלעכער מאַטעריאַל אַרויסצורעטושירן דערפון געוויסע טיילן פונם ענגלישן יידנטום, זייער סאָ־ציאַלן און געשיכטלעכן מצב און „מעמד“ פון זייער סביבה לעבן, נאָר גליאיקער

שטאָף שוין און יידישלעכע אַטמאָספערע פאַרן צוקונפטיקן וואָרט־קינסטלער*.
די דערמאָנטע ספרים און ביכער זיינען נאָר אייניקע אויסגאַבן און דערשיינונגען, פון נישט קינסטלערישן כאַראַקטער, אין די לעצטע פאָר יאָר פון י. נאַראַדיצקי'ס פאַרלאַג־ און דרוק־טעטיקייט, אין זיין וויכטיקער און לעבנס אַרבעט פון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט.

דער פאַרלאַג נאַראַדיצקי, אין זיין ראָלע דאָ פאַר אונזער ישוב, איז ער זיכער נישט ווייניקער נוצלעך און וויכטיק ווי דער באַרימטער סאָנשינאָ פאַרלאַג אין איטאַליע, שאַפּיראָ אין זשיטאָמיר, ראָם אין ווילנא, אחים עפשטיין אין וואַרשאַ און בעלכאַטאָווסקי אין פּיעטריקאָוו, און ער וועט אויך מסתמא אַזוי אַריין, ווי איינער פון זיי, אין דער געשיכטע פון די וויכטיקע יידישע פאַרלאַג־ און דרוקער־משפחות.

* * *

אין אַ לעצטן שמועס מיט פריינט י. נאַראַדיצקי ע"ה האָט ער מיר דערציילט ווי אַזוי ער איז דאָ אַהערגעקומען נאָך לאָנדאָן: ער איז געווען אויפן וועג נאָך אַפריקאַ, צו געפינען דאָרט גאָלד — ס'איז געווען דעמלט די צייט פון די „גאָלד זוכערס" און „גאָלד יעגערס"! — און געפינענדיק דעם אוצר וועט ער מיט דעם אַרויסגעגראַבענעם גאָלד אויפבויען דאָס הייליקע לאַנד ארץ ישראל. ווער ס'האָט געקאָנט נאַראַדיצקי'ן, זיין פשטות, זיין גראָדע ערלעכקייט האָט בפירוש געזען די מעגלעכקייט פון אַזאַ פלאַן —

און האָט אין די לעצטע 3 יאָר פון זיין אומדערמידלעך לעבן זיין דרוקעריי, דאָס „הייליקע לאַנד" דאָ אין ווייטשעפּל, נישט אויסגעזען ממש ווי אַ חברה גאָלד־יעגערס וואָלטן זי איבערפאַלן און געוואָלט איבעריאָגן, איבערלויפן איינער דעם צווייטן? — איך מיין אונז איצט דאָ, אונז פּאָעטן און שרייבער, מיט דעם „געיעג" צו דרוקן אונזערע ביכער! איך וויל די בוך־פּראָדוקציע (כן ירבו) נישט איבערשאַצן — מ'טאָר זי אָבער אויך נישט אונטערשעצן! עס מוזן זיין די טויזנטער זאַמד־קערנדלעך — יאָ, די מיליאָנען! — אַז ס'זאָל זיך אַרויסוואַשן דערפון דאָס געלייטערטע גאָלד — — —

און אין דעם געשאַפענעם דאָ פון אונזער ישוב, וועט דאָס פּאָרטרעט־בילד פון י. נאַראַדיצקי, דער דרוקער און פאַרלעגער פון יידישן ווייטשעפּל, מיט זיין ערלעכקייט און פּאָזיטיווע אומדערמידלעכקייט, אַרויסלייכטן ווי פון אַ גאָלדענעם ראָם.

כבוד זיין אָנדענקען! א. נ. ש.

---

* [אַ פּאַראַלעל צום „מרור דרבנן" נישט ווייניקער ביטערער קאָן מען אויך שוין געפינען אין דער הקדמה פונם „אבן השוהם", געדרוקט דאָ אין לאָנדאָן, אין יאָר תקל"ו, איבער די „פּרעזידענטן" און גבאים פון דער דיוקס־פּליימשול. דער מחבר איז אויך געווען איינער פון די דעמאָלטיקע אָנאנערקענטע גדולים.







י. נאראדיצקי

רעדאַקטאָר פון „הייליקן לאַנד" אין זשיטאָמיר

דרוקער און פאַרלעגער אין לאָנדאָן

די „וויכטיקייט" פונם רעדאַקטאָר פונם „הייליקן לאַנד" איז פאַר אונז נאָך וויכטיקער, וויסנדיק, אַז אין 16־טן באַנד פון י. ל. פּרצעס געזאַמעלטע ווערק, „ליטעראַטור און לעבן", פאַרנעמט פּרצעס קריטיק איבערן „הייליקן לאַנד" איבער 20 דרוק־זייטן, פון זייטל 180 ביז 201—דער גרעסטער עסיי אין דעם באַנד.

משה עובד.

## די יידלעך פון אלף-בית

געווידמעט דעם זכרון פון י. נאַראָדיצקי ז״ל.

ווי זעט אויס אַן א ?
— אַ יידל הינטן, אַ יידל אויבן, אין מיטן אַ חלף,
אַזוי זעט אויס אַן אלף, אוי, אַזוי זעט אויס אַן אלף.

ווי זעט אויס אַ ג ?
— מיטן פיסל אין דער ערד, מיטן קעפל אין הימל,
אַזוי זעט אויס אַ גימל, אַזוי זעט אויס אַ גימל.

ווי זעט אויס אַ ו ?
— אַ יידל מיט אַ שטריימל, אַ שטריימל ווי אַ רב,
אַזוי זעט אויס אַ וואָוו, אַזוי זעט אויס אַ וואָוו.

ווי זעט אויס אַ ז ?
— ווי אַ ציטערדיק יידל פול מיט אויען,
אַזוי זעט אויס אַ זאַיִן, אַזוי זעט אויס אַ זאַיִן.

ווי זעט אויס אַ ט ?
— ווי אַ יידל טראַגנדיק אַן ארון מיט אַ מת,
אַזוי זעט אויס אַ טית, אַזוי זעט אויס אַ טית.

ווי זעט אויס אַ י ?
— אַן אות וואָס ציט, אַ פינטעלע וואָס בריט,
אַזוי זעט אויס אַ יוד, אַזוי זעט אויס אַ ייד.

ייִנגעלע, ייִנגעלע,
ווי זעט אויס אַ ל ?
— רבי׳ניו, איך ווייס, רבי׳ניו, איך ווייס,
ער זעט אויס ווי דער מלמד
פון די יידלעך פון אלף־בית, פון די יידלעך פון אלף־בית.



ווי זעט אויס אַ מ ?
— אַ יידל אַ כורעים׳דיקס, טראָגט דעם עול פון שם,
אַזוי זעט אויס אַ מם, אַזוי זעט אויס אַ מם.

און ווי זעט אויס אַ נ ?
— ווי אַ יידל וואָס טראָגט קאַלאָשן אין דער זון,
אַזוי זעט אויס אַ נון, אַזוי זעט אויס אַ נון.

ווי זעט אויס אַן ע ?
— ווי אַ מאַמע מיט אַ קינד, די מאורות השמים,
אַזוי זעט אויס אַן עין, אַזוי זעט אויס אַן עין.

וואָס פאַר אַ פנים האָט דאָס יידל אין דער פ ?
— ער האָט אַ פנים אַז אָך און וויי, ער האָט אַ פנים אַז אָך און וויי.

ווי זעט אויס אַ צ ?
— אַ יידעלע וואָס גיט קיינעם קיין עצות,
אַליין טראָגט ער אַ יידעלע אויף די פלייצעס,
דאָס איז אַ צדיק, דאָס איז אַ צדיק.

ייִנגעלע! ייִנגעלע!
טאָ ווי שיין זעט אויס אַ ש ?
ענטפער מיר איינס, צוויי, דריי.
ענטוועער ביי דער שין פון שדי!
— ווי דריי יידלעך, די קרוין פון ציון,
אַזוי שיין זעט אויס אַ שין, אַזוי שיין, רבי׳ניו, איז אַ שין.
איי, איי, איי,
אוי, אוי, אוי,
יאָ, יאָ, יאָ.
י־ה!

ש. ראַווידאַוויטש

איבערזעצט פון העברעאישן כתב־יד פון
אהרן גאָלדבערג

# ישראל נאַראַדיצקי

ישראל נאַראַדיצקי איז שוין אין דער יוגנט געווען פאַרעכנט אַלס איינער פון די טעטיקע חובבי ציון און משכילים אין זיין געבורטסשטאָט זשיטאָמיר (אין אוקראַינע). ער איז אויך געווען גערעכנט צווישן ביאַליקס יוגנט־פריינט: אַ פריינט: „וואָס לעכצט נאָך זיינע בריוו", שרייבט ביאַליק וועגן אים (אין בריוו פון וואָלאָזשין, תרנ"א). פון ביאַליקן דערוויסט מען זיך אויך דאָס נאַראַדיצקי האָט שפּעטערע יאָרן געהאַט די אַגענטור פון ראובן בריינינס מאָנאַטסשריפט „ממזרח וממערב" (אין נאָמען פון זעלבן זשורנאַל האָט ער אויך פאַרגעשלאָגן ביאַליקן ליטעראַרישן האָנאָראַר). ביאַליק האָט זיך אויך גערעכנט מיט נאַראַדיצקיס מיינונג אויפן ליטעראַרישן געביט (פון חיים צבי לערנערס בריוו) ווו ער באַצייכנט אים דער אַרויסגעבער פון „דאָס הייליקע לאַנד", אַ זאַמעלבוך וואָס האָט אין יענער צייט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין רוסלאַנד. נאַראַדיצקי האָט אויך געוואָלט אַרויסגעבן ביאַליקס ערשטן באַנד לידער. ווען ניט די מניעה פון 25 רובל, וואָס ער האָט געוואָלט ביאַליק זאָל אַריינלעגן. ביאַליק שרייבט וועגן דעם ענין, אין אַ בריוו צו י. ח. רבניצקין, כהאי לישנא: „נאַראַדיצקי אין זיט[אָמיר] איז וויליק צו נעמען אויף זיך אַרויסצוגעבן דעם באַנד, אַז איך וועל אַריינלעגן 25 רובל (!) אין די דרוק־אויסגאַבן און דערפאַר איז ער באַרייט צו נעמען אויף זיך די איבעריקע קאָסטן פאַרבונדן מיט דער אַרויסגאַבע; אָבער איך קען ניט אַריינלעגן די האַנט אין קעשענע אויף אַריינצולעגן געלט. אויב נאַראַדיצקי איז מרוצה צו נעמען אויף זיך אַלע אויסגאַבן אַליין אָן מיין שותפות באַשטיי איך דערויף" . . . (בריוו פון ח. נ. ביאַליק, פון פ. לחובר). וואָלט ביאַליק דעמאָלט אים געגעבן די 25 רובל וואָלט נאַראַדיצקי געהאַט די זכיה צו ווערן דער אַרויסגעבער פון ביאַליקס ערשטן באַנד לידער... ביאַליק האָט אויך אין די שפּעטערע יאָרן, ווען ער האָט שוין געהאַט פאַרנומען דעם אויבנאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, ניט פאַרגעסן זיין זשיטאָמירער פריינט. אין אַ בריוו צו ברענערן (תרס"ז) שרייבט ער דאָרט צו: „שלום, נאַראַדיצקי. ווו געפינסטו זיך? צו געדענקסטו נאָך? . . . ווו איז אונזער יוגנט, נאַראַדיצקי? צופלויגן זיך די פייגעלעך! אָ, נאַראַדיצקי, ווו איז אונזער יוגנט?" (דאָרט).

נאָך לאָנדאָן איז נאַראַדיצקי אָנגעקומען מיט 45 יאָר צוריק. ער האָט שפּעטער געעפנט אַ דרוקעריי און פאַרלאַג, און דערזעלבער צייט פאָרטגעזעצט זיין ציוניסטישע טעטיקייט און זיין יוגנטליכן אידעאַל. ער האָט געהאַט די זכיה אַז יענע ליכטיקייט וואָס האָט געשטראַלט פון „המעורר" („הער וועקער"), פון יוסף חיים ברענער, זאָל אויך זיין נאָמען באַשטראַלן. ס'איז פון דאָן



אָן, זינט ברענער איז געקומען נאָך לאָנדאָן, און דעם קעסל־גרוב פון יסורים פאַר יידישע דורכרייזנדע עמיגראַנטן, צונויפגעבונדן געוואָרן דער שיקזאַל פון'ם קעמפנדן דרוקער מיטן רעדאַקטאָר פון „המעורר", וועלכער איז געקומען וועקן די פאַרשלאָפענע און געפאַלענע אין ווייטשעפל — וואָס האָבן ניט געוואָלט זיך וועקן... און נאַראַדיצקי'ס דרוקעריי און ברענער'ס „המעורר" זענען געוואָרן אַ סימבאָל און אַן אכסניה, ניט נאָר פאַרן „המעורר" אַליין נאָר אויך שפּעטער. נאַראַדיצקי'ס דרוקעריי איז געוואָרן פּאָפּולער ניט בלויז אין לאָנדאָן נאָר אין גאַנץ מלכות ענגלאַנד. ווען ניט ער, זיין עקשנות און ענערגיע, ווער ווייסט צי מיר וואָלטן פאַרמאָגט דאָס וואָס מיר פאַרמאָגן היינט צו טאָג אויפן געביט פון העברעאישן און יידישן ספר און געדרוקט וואָרט. ער האָט פונקט ווי אַלע אַנדערע יידישע דרוקערייען אין לאָנדאָן געקענט לאָזן לויפן די „אשורישע" אותיות און דרוקן ענגלישע וואָס צאָלט זיך בעסער און גיט ווייניקער זאָרג און קאָפּ־דרייעניש, און אַן עק מיטן שטענדיקן עול פון אַ יידישער דרוקעריי. ער איז אָבער ניט געווען דער „ביזנעסמאַן" אין דעם זין, און געבליבן טריי זיינע יוגנט־אידעאַלן.

אַ העברעאיש־יידישע דרוקעריי איז אייגנטלעך — איבעראַל ווו יידן געפינען זיך אין גרויסע מאַסן — אַ פעסטונג, נאָכמער דאָ אויף די אינזלען. אָבער אַן אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל זאָרגן פאַר דעם האָבן מיר ניט, און דער שיקזאַל פון יידישן דרוקער איז כמעט דער זעלבער ווי דער פון זיין מיט־שותף דער יידישער שרייבער, וואָס דריקט זיך... טיילמאָל דאַכט זיך מיר אַז אַלע יידישע מחברים זיינען איין און די זעלבע פערזאָן, איין דרוקער, נאָר אונטער פאַרשיידענע נעמען—זייער „פאַרקנעכטן" זיך און „שפייזן („חיונהן") זיך"; אַמאָל באַווייזט זיך און דערשיינט אַ „מעצענאַט": אַ פערזאָן אָדער קרייז, קומט און פאַרשווינדט — און איז ניטאָ, נאָר דער יידישער מחבר און בעל ספר בלייבט, ער מיט זיין ביטערקייט און לאַסט און מיט די ביטערקייט טיילט ער זיך מיט זיין שותף דעם דרוקער, און דער עול פון איינעם דריקט נאָך שווערער דעם אַנדערן, און ווערן דורכדעם אָפּהענגיק איינער אין צווייטן.

און ס'האָבן געקענט און געוווסט די יידישע שרייבער, מחברים און רעדאַקטאָרן זייער „האָר" — דעם ווייטשעפּלער דרוקער, וואָס איז געשטאַנען און געדינט זיי צענדליקער יאָרן, אפילו ווען ער האָט געוואָרפן „שמוץ" און ניט געמאַכט לויט זייער ווילן, האָבן אויך זיינע „קרבנות" פאַרשטאַנען, און מוחל געווען... זיי האָבן געוווסט אַז ער דערפילט אויך אַ געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבע, אַז ער פלאַסטערט דעם שווערן וועג פאַרן יידישן און העברעאישן בוך און פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין אַלגעמיין.

* * *

וועגן זיין גרויסער ליבע צום העברעאישן בוך האָב איך נאָך געוווסט פאַר דער מלחמה, ווען אין לאָנדאָן איז שוין כמעט ניט געווען קיין זכר פון העברעאישער קולטור. די „העברעאיסטן" און ציוניסטן זיינען זיך געשמאַק געשלאָפן.

נאָר איין נאַראָדיצקי איז געווען וואַך. ער האָט ניט געשוויגן. ער האָט זיך אַנומעלט געווענדעט צו מיר און מיך געבעטן רעדאַגירן אַ חודש זשורנאַל, אויף זיין חשבון. איך האָב געוווּסט וועגן זיין ליבע צו אונזער ליטעראַטור, אַז זי וועגט איבער זיינע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן; איך בין געווען זיכער אַז ס'וועט זיין אַ דורכפאַל, און איך האָב אים ענטזאָגט.

ביז צו די לעצטע יאָרן האָט ביי אים אַלץ געלעבט דער טרוים און די תמימות־דיקייט, דער גלויבן, אַז „אַלץ גייט ווי דאָס האַרץ ווינטש זיך"... אַזוי האָט ער מיך, צום ביישפּיל, געבעטן אים מיטהעלפן אינם פּלאַן פון אַרויסגעבן אויפ'ס־ניי אַ ש"ס בבלי (ווילנער) אין אַ פאַרבעסערטער מאָדערן־וויסנשאַפט־לעכער אויפלאַגע. ער האָט געהאַט דעם רצון איבערצולאָזן דעם מאָנומענט פון אַ ש"ס פאַר זיין טויט, אַן אידעע, לויט ווי ער האָט מיר דערציילט, וואָס ער האָט נאָך געהאַט אין דער יוגענט אין זשיטאָמיר, און וועלכן ער האָט אַמאָל פאַרטרויט ביאַליק'ן. שפּעטער שוין האָט ער געפונען אַן אַנדערן טעם דערפאַר.

„ס'ווערט געזאָגט — האָט ער מיר ערקלערט — אַז ווער ס'נעמט אויף זיך אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע פאַרלענגערט מען אים זיינע יאָרן. נו, צוגרייטן די ערשטע חלקים פון ש"ס וועט אודאי דאַרפן נעמען צען יאָר, וועט אפשר אין דעם זכות מיר צוגעזעצט ווערן צען יאָר צו לעבן"...

און אָט די פאַרענטפערונג (טעם) פאַר די אידעע פון וועלן אַרויסגעבן ש"ס פון אַ קראַנקן, שוואַכן 73־יאָריקן זקן, איז דאָס אַליין ניט אַ זעלטנקייט!

הלוואי, זאָלן די יורשים זיינע אָפּהיטן דעם טאַטנס ווערט־קרבנות־דיקע ירושה און פאַרטזעצן און פאַרברייטערן זיין ו ו ע ג — וואָס איז געווען ווי אַ פעלז פאַר דער ענטוויקלונג פון העברעאישן און יידישן געדרוקטן וואָרט אין מלכות ענגלאַנד.

---

## ש. גאלדענבערג

### זשיטאמיר—די יוגנט יארן

מיט דעם נ אָ מ ע ן ישראל נאַראָדיצקי האָב איך זיך בעקאַנט אַ סך פריער, כמעט אַ 25־20 יאָר פריער, ווי איך האָב דערקאַנט די פּערזאָן, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען . . .

עס איז געווען אין די יאָרן 1898־9, אין די ערשטע יאָרן פון הערצלס פּאָליטישן ציוניזם, ווען די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך ערשט גענומען פאַרמירן, און דאָס וואָרט „ציוניסט" האָט נאָך געהאַט אַ מאָדנעם קלאַנג און אַ משונהדיקן טעם. איך האָב דאַמאָלט דורכגעמאַכט מיין שטודיום אין שדה־לבן (קיעווער גובערניע) און האָב זיך צופעליג בעקאַנט מיט דער פאַמיליע פון דעם איינציקן יידישן מיליטער־דאָקטאָר פערגאַמענט, וועמענס הויז איז געווען דער צענטער פון שטעטל פאַר יידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אַ דאַנק דער טעטיקייט פון זיין שיינער פרוי. וועגן מאַדאַם פערגאַמענט האָט מען אין שטעטל דערציילט נסים ונפלאות, וועגן איר שענהייט, ענערגי, יחוס און אַזוי־



וויטער, אָבער קיינער האָט ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס אַזאַ רעספּעקטאַבעלער פרוי, אַ גרענד־דאַמע, איז גאָר אַ "ציוניסטקע", אַ „ציציליסטקע", פירט זיך אַרום מיט יינגלעך־שקצים, לייענט ביכלעך „טריף־פסול, נעמט זיי אויף אַלס געסט אין איר סאַלאָן, איז מיט זיי אַ מחותנת און אַזוי וויטער. מען האָט דאָס אַלס בעטראַכט אַלס שטיקעל משוגעת, און מען האָט דאָס איר מוחל געווען צוליב אירע מעשים טובים, מיט וועלכע עס האָט געקלינגט דאָס שטעטל . . .

איך בין געווען צווישן די „יינגלעך־שקצים" וואָס האָבן געלייענט אירע ביכלעך. ווי עס איז געווען דער מנהג אין יענע צייטן האָט מען אַלע געשפּרעכן געפירט אין ר ו ס י ש און דאָס איז געווען די אומגאַנגס־שפּראַך אין הויז. אַזוי איז אַנגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט, אָבער ווען דאָס אָפיציעלע סאַלאָן איז צוגאַנגען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די „מאַדאַם" רעט אַ זאַפטיקן, שענעם יידיש, גאַנץ אָפט אויסגעמישט מיט יידיש־וואָלינישן הומאָר פון איר געבורטסשטאָט זשיטאָמיר. ערשט ווען די ענדערונג איז פאָרגעקומען האָט זיך מיר באַוויזן און געליען דעם ערשטן ציוניסטישן זאַמעלבוך „דאָס הייליגע לאַנד", רעדאַגירט פון איר און ישראל נאַראָדיצקי *).

אין יענע יאָרן איז די באַציאונג צו אַ יידישן ספר און צו אַ מחבר פון אַ ספר געווען גאָר אַנאַנדערע ווי היינטצוטאָג, און עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער נאָמען—נאַראָדיצקי—האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין זכרון, בפרט ווען דער זאַמעלבוך האָט זיך באמת אַרויסגעוויזן פאַר אַ שענעם אין פאָרם און אַ רייכן אין אינהאַלט.

מאַדאַם פערגאַמענט, בעסער געזאָגט, בערטאַ פלעקסנער, האָט מיר שוין דאַמאָלט דערציילט וועגן נאַראָדיצקין אַלס וואַרימען יידן, געטרייען חבר, מיט אַ ברענענדיקער ליבע צו העברעאיש. זי האָט אויך גאַנץ אָפענהערציק צוגעגעבן אַז אַ דאַנק זיין ענערגיע און עקשנות האָט זיך זיי איינגעגעבן אַריינברענגען דעם רייכן מאַטעריאַל אַריינגערעכנט אַרטיקלען פון משה ליב לילענבלום און מאיר דיזענהאָף, דעם קומענדן מעיאָר פון תל־אביב) פון דעם זאַמעלבוך, וואָס איז געווען אַ גרויסער ערפאָלג.

וואָס האָט דער יינגער נאַראָדיצקי געטון אין זשיטאָמיר?

פון ח. נ. ביאַליקס בריוו צו י. ח. רבניצקי, געדרוקט אין דעם ערשטן „כנסת", תל־אביב, תרצ"ו, ווערן מיר געוויר, אַז נאַראָדיצקי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ליטעראַרישע ענינים. ער איז געווען דער הויפּט־אַגענט פאַר ראובן בריינינס זשורנאַל „ממזרח וממערב" פאַר גאַנץ רוסלאַנד. ווער עס ווייסט די בעדינגונגען פון דער רוסישער צענזור פאַרשטייט וואָס פאַראַ צרות נאַראָדיצקי האָט געהאַט מיט פאַרשפּרייטן דעם זשורנאַל, אָבער נאַראָדיצקי איז ניט געווען דער מענטש, וואָס שטעלט זיך אָפּ פאַר שוועריקייטן. פון ביאַליקס בריוו זעט מען אַז ער איז געשטאַנען נאָענט צום „לערער סעמינאַר" אין זשי־

*) דער פערשטאָרבענער האָט מיר קורץ פאַר זיין טויט דערציילט, אַז צענדליקער יאָרן האָט ער ארומגעזוכט אַ קאָפּיע פונם זאַמעלבוך, און נישט געקענט געפינען, אָט האָט זיך אים איינגעגעבן אָפּקויפן אַ קאָפּיע, און היט עס פון פרעמדע אויגן.

טאָמיר און האָט מן הסתם געמאַכט אַ לעבן פון געבן העברעאישע שטונדן. עס איז אים ווייזט אויס געגאַנגען ניט שלעכט, ווייל ווען ביאַליק, זיין יוגנט־חבר, איז שוין געווען אַ לערער אין סאָסנאָוויץ, כאָטש שוין מיט אַ נאָמען פון אַ בע־גאַבטן דיכטער, איז נאָך נ. געווען אין זשיטאָמיר און האָט זיך אפילו פער־מאָסטן מיט דעם פערלאַג „תושיה" וועלנדיק אַרויסגעבן זיין ערשטן ביכל לידער . . .

ערשט מיט 20 יאָר שפּעטער, ווען איך בין געקומען אַהער פון אַמעריקאַ, און איך בין באַשטימט געוואָרן אָפיציעל אַלס „סגן־העורך" פּאַקטיש דער רע־דאַקטאָר פון „העולם" האָט מיך דאָס לעבן געבראַכט נאָענט צו דעם מערק־ווירדיקן טיפּ יידן, וואָס האָט אָנגעהויבן אַלס „הבחור־הזעצער, העוסק במלאכת הקודש" און האָט פאַרענדיקט אַלס „מדפיס", „מבוא לבית הדפוס" און צום סוף אַלס אַרויסגעבער פון פיעלע ביכער, הויפּטזעכלעך אין יידיש, אָבער דער פעריאָד איז שוין אַ קאַפּיטל פאַר זיך, צו וועלכן איך וועל זיך אַמאָל אומקערן.



ח. נ. ביאַליק און י. נאַראַדיצקי ביים ים־ברעג אין תל־אביב.





## ישראל נאראדיצקי

(פון בוך „למך)

אַ קרוב לשרייבער איז אויך נאַראַדיצקי,
באַרימט שוין זייט יאָרן ביי אונז אויף דער גאַס,
אַ דרוקער פון חול און אויך הייליגע ספרים —
אַ מאָדנער געמיש פון געדולד און פון כעס.

אַז בלויז אין זיין זכות ווערט אַ בוך נאָך געבוירן,
מיט גרויסע סכנות געבראַכט אויף דער וועלט,
און ניט ווי די שקלים פאַר טויזנטער קונים,
אַן „עובר לסוחר" אַרטיקל פאַר געלט.

ער מוז דאָך אוודאי זיין פול מיט בטחון
צו גלויבן אין יעדן מחבר׳ס ערפאָלג,
און אַז אויף מיין בוך וואַרט אויך אַנגסטליך ווייטשעפל,
מיט העגט אויסגעשטרעקטע פון מאָסן פון פאָלק.

נאָר ס׳איז אין זיין בלוט שוין, ווייזט אויס די אמונה,
מיט שרייבער און ביכער און אהבה צעשטיפט,
ווייל ער האָט אפילו נאָך ברענער אין לאָנדאָן
געלערנט שוין די חכמה און וווּנדער פון שריפט.

דערפאַר טאָקע בויג איך מיין קאָפּ און הסכמה
זיין נאָמען בדפוסו, צו דרוקן גאָר גרויס,
מיט אותיות ברען אין שער פון ווייטשעפל —
אַן אייביקער אָנדענק, וואָס מעקט זיך ניט אויס.

ווייל אפשר וועט דאָס זיין גענוג אָנערקענונג
און כבוד און שבחים אין מעשים און גייסט,
און אויב איך וועל, למך, אַ נסתר נאָך ווערן,
זאָל כאָטש דער בדפוסו פאַרבלייבן זיין טרייסט.

ל. ש. קרעדיטאָר

## דער העברעאישער קרייז אַרום י. נאַראַדיצקי ע״ה

און ווען דער קדוש, י. ח. ברענער, וואָלט דאָ היינטיקן טאָג געווען צווישן די לעבעדיקע, און ער האָט דאָך דאָס געקאָנט זיין, ווען ניט דער נסיון פון קידוש השם, וואָלט ער, דערהאַלטנדיק די ידיעה איבער י. נאַראַדיצקי׳ס טויט, באַלד געשיקט פון ארץ ישראל אַ בינטל בלומען, פון די „הסתדרות״ גערטנער, אַרויפצולייגן דאָס אויפ׳ן פרישן קבר פון דעם חשוב׳ן נפטר, ביי וועמענס „בענטש״ ער האָט זיך אויסגעלערנט צו זיין הבחור הזעצער און וועמען ער האָט אַזוי הערצליך רעספּעקטירט און באמת ליב געהאַט.

דער עמפּינדליכער און בעל־זכרונ׳דיקער ברענער וואָלט זיך באַלד דערמאָנט אָן די לייסטונגען און אומדערמידליכע הילף, וואָס דער פאַרשטאָרבענער ישראל נאַראַדיצקי האָט בייגעטראָגן צום יידישן און העברעאישן וואָרט דאָ אין לאָנדאָן, און וואָלט זיכער געדענקט פון דעם בית־מקלט וואָס דעם נפטר׳ס הויז איז געווען פאַר די אַלע יידישע און העברעאישע שרייבער, דיכטער און מחברים, וועלכע האָבן אַהער אייגגעוואַנדערט. מער פון אַלע אַנדערע וואָלט י. ח. ברענער דעם לעצטן כבוד געקאָנט געבן דעם פאַרשטאָרבענעם.

און דאָס זעלבע, נאָר אין קירצערע שטריכן, וואָלט דאָס געקאָנט טון דער יונג־פאַרשטאָרבענער א. נ. גנעסין, וועלכער האָט זיך פאַר אַ קורצער צייט אַרומגעוואַלגערט אין לאָנדאָן, און זיינע עטלעכע שעהן מנוחה האָט ער געפונען אין דעם הויז און דרוקעריי פון י. נאַראַדיצקי.

אויך ש. פינסקי, דער העברעאישער משורר, וואָס האָט ווייניק געזונגען, אָבער פיל געקאָנט רעדן, ער ווען ער לעבט היינט, וואָלט זייער פיל אינטערעסאַנטעס געקאָנט דערציילן וועגן נפטר. דאָס זעלבע ב. מאַקסימאָווסקי ע״ה.

ליידער זיינען די דערמאָנטע שוין אויפ׳ן עולם האמת, און די, להבדיל בין החיים והמתים, וואָס זיינען געווען פון די שטענדיקע באַי־ביתו, זיינען איצט צעשפּרייט איבער׳ן גאַנצן ערד־קוגל, און מעגלעך, אַז זיי ווייסן נאָך ניט פון דעם פאַרלוסט, און אויב זיי האָבן שוין אפילו די ידיעה, האָבן זיי אָבער ניט די מעגלעכקייט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט אונז צוליב דער וועלט־קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט דעם פאַרקער און באַרירונג פון איין לאַנד מיט דער צווייטער אָפּגעשניטן — אַ, זיי האָבן פיל צו זאָגן נאָכ׳ן נפטר.

נעמט, צום ביישפּיל, אשר ביילין, אָדער י. ראַדלער (ר׳ בנימין), בן־אליעזר אָדער ק. מרמר און נאָך פילע אַנדערע, וועלכע זיינען געווען הויז־פריינט פון י. נאַראַדיצקי. זיי וואָלטן אייך געגעבן אַ סעריע פון זכרונות איבער דעם נפטר, וואָס וואָלט געדינט אַלס אַ העכסט וויכטיקער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישער שאַפונג אין לאָנדאָן דורך די איבערגעגעבענע אַרבעט און שטיצע פון י. נאַראַדיצקי ע״ה.



און ס׳איז ווירקליך שווער זיך פאָרצושטעלן ווי אַזוי אָן אים און אָן זיין דרוקעריי וואָלט געווען די מעגלעכקייטן פאַרן ערשיינען פונם העברעאישן זשורנאַל „המעורר״, אָדער פון אַ חשובן רבנישן ספר אָדער ליטעראַריש בוך.

*

איך׳ל פּרובירן דאָ אָנוואַרפן אייניקע שטריכן איבער דער סביבה וואָס האָט זיך געדרייט אַרום דעם פאַרשטאָרבענעם ישראל נאַראַדיצקי. דער אָנפאַנג ציט זיך שוין לערך מיט אַ 40 יאָר צוריק. ווען די פּאָגראָמען און גזירות פון רוסישן צאַר האָבן אַריינגעוואָרפן אין לאָנדאָן אַ היבשע צאָל יידן, אונטער וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַ מינאָריטעט פון משכילים, אידעאַליסטן און וואָרט־זאָגער, וואָס האָבן פאַר קיין אופן ניט געוואָלט און ניט געקאָנט אויסלעשן דעם לעצטן פונק פון יידישע שאַפונג און יידישן קיום.

און ווי אָן אַזויס האָבן זיי אין מדבר פון לאָנדאָן געפונען דאָס הויז, די דרוקעריי און דעם מענטשן י. נאַראַדיצקי. אפילו די יעניקע, וואָס האָבן ניט פּרעטענדירט אַלס שרייבער, נאָר זיי זיינען געוואָרן לערער, האָבן אויך געמוזט פאַרקערן אין דעם הויז פון י. נאַראַדיצקי. פון אָנפאַנג איז עס געווען געשעפט־לעך, מען האָט דאָך באַדאַרפט אָפּדרוקן אַ צירקולאַר וועגן דער נייער „אגודת דוברי־עברית״, און דערנאָך איז מען שוין פאַרבליבן פריינט. דער סעקרעטאַר פון דער אגודה און דער רוח־החיים אין איר איז געווען ש. ב. מאַקסימאָווסקי, אַ העברעאישער שריפטשטעלער, אַ גאַנץ טיפער דענקער, דער מחבר פון „שלילה און סתירה״. ער איז געווען אַ יוצא ונכנס ביי נאַראַדיצקי׳ן. ער איז שוין אויך אויפ׳ן עולם האמת. ער איז נפטר געוואָרן אין אַמעריקע.

מיט אים אין דער אַרבעט און אָפטער איינגייער ביי נאַראַדיצקי׳ן איז געווען דער תלמיד־חכם און ליטעראַרישער פיין־שמעקער א. דון־יחיא, וואָס האָט פיל כחות אַוועקגעלייגט פאַר׳ן „המעורר״. אויך דער עקסטרעם פאַר׳עקשנ׳טער העברעאישער לערער י. יאַנישעווסקי, וואָס האָט געהאָלפן גרינדן די תלמוד־תורה „עברית בעברית״ צו יענער צייט, וואו דער נפטר י. נאַראַדיצקי האָט געשיקט זיינע קינדער לערנען העברעאיש. און דער אַלטער קלוגער כהן־לאַסק, וואָס האָט ניט פאַרפעלט קיין איין אויסגאַבע אַריינצונעמען אין זיין רייכע ביבליאָטעק, און וועלכער איז געווען אַליין אַ רעדאַקטאָר פון אַ יידישער וואָכנצייטונג פאַר אַ קורצע צייט. אויך זיין יונגערער ברודער מר. כהן־לאַסק, וועלכער איז איצט דער „הערמאַסטער״ אין דער לידזער עברית־בעברית ת״ת. זיי און פילע אַנדערע זיינען געווען פון די שטענדיגע באַזוכער אין נאַראַדיצקי׳ס דרוקעריי.

מיט דאָס אָנקומען פון י. ח. ברענער אין לאָנדאָן איז די „אגודת דוברי־עברית״ פיל פאַרשטאַרקט געוואָרן אין אינהאַלט. מען האָט גענומען דענקען פון אָן העברעאישן געדרוקטן וואָרט, און וואָס פאַר אַ מניעה קאָן דאָ זיין? מיר האָבן דאָ י. ח. ברענער׳ן, אַ גוטער רעדאַקטאָר. מיר האָבן דאָ אויך י. נאַראַדיצקי׳ן, אָן אויסגעצייכנטער דרוקער. אלא וואָס דען, הוצאות הדפוס? מילא, גאָט וועט העלפן. מיר האָבן דאָך נאַראַדיצקי׳ן...

צו יענער צייט האָט ברענער געדרוקט אין „השילוח“ זיין דערציילונג „מסביב לנקודה“, און מיר דאָ אין לאָנדאָן האָבן דעם „סביב לנקודה“ געמאַכט אין דעם הויז און אין דער דרוקעריי פון י. נאַראָדיצקי.

דאָרט האָט מען זיך געטראָפן. דאָרט האָט מען דעבאַטירט, דיסקוטירט, ערנסט און שפּאַס. דאָרט איז געווען אַ מין גייסטיקער צענטער פאַר די אַלע יידישע אינטעליגענץ פון יענער צייט.

און איר באַדאַרפט וויסן, אַז געקלעפּט צו י. נאַראָדיצקי האָט מען ניט בלויז צוליב די גוטסקייט פון דער דרוקעריי, נאָר אויך און פיל־לייכט מער צוליב דעם מענטשן אין י. נאַראָדיצקי. ער איז נישט געווען בלויז אַ דרוקער, נאָר אַ זשיטאָמירער משכיל. ער האָט פיל געלעזן און פאַרשטאַנען. ער האָט געקענט גוט העברעאיש און האָט אַליין אָנגעשריבן נישט קיין שלעכטס ווערק „היהדות והנצרות“. ער איז געווען גאַנץ נאָענט צו דער סופרים משפחה, און צוזאַמען מיט ברענער׳ן האָבן זיי געוואָלט אַרויסגעבן אין יאָר 1907 אַ יערליכן זשורנאַל מיט׳ן נאָמען „כתבים“. י. נאַראָדיצקי איז געווען בבחינת זעיר אנפין, אַ מין מנשה בן ישראל. טאַקע געהאַט אַ דרוקעריי, אָבער דערצו אויך פאַרמאָגט פיל גייסטיק אייגנס וואָס איז געווען דרוקבאַר.

ס׳איז דערפאַר קיין וווּנדער ניט פאַרוואָס דער בעסערער יידישער און העברעאישער עלעמענט, סיי פון שרייבער, אידעאַליסטן, פאָלקס־טוער, האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום און אין דעם הויז פון י. נאַראָדיצקי. אגב, דאַרפט איר פאַרשטיין, אַז האָבנדיק אַזאַ חבר און אַזאַ ערליך איבערגעבענעם דרוקער ווי י. נאַראָדיצקי איז דאָך נישט שייך דאָס ווערטל: „האַנדעלשאַפט איז ניט ברידערשאַפט“. מיט נאַראָדיצקי׳ן וועט מען שוין דורכקומען. מען דאַרף אים נאָר געבן דעם מאַנוסקריפּט פון בוך אָדער צירקולאַר, און מען דאַרף וויסן דעם פרייז און ס׳איז שוין געווען חצי סילוק...

ווען זיינע יורשים וואָלטן היינט געהאַט אין מזומן די חובות, וואָס מען איז אים געבליבן שולדיק פאַר דער אַרבעט אין די לעצטע 40 יאָר, וואָלטן זיי געהאַט אַ גאַנץ חשוב׳ע ירושה.

ס׳איז אָבער ווערט דאָ צו דערמאָנען, אַז ער אַליין האָט זיך זעלטן באַקלאָגט וועגן דעם. ער האָט גוט געוווּסט און געפילט ווי שווער די משא איז פון דעם שרייבער אָדער מחבר, און ווילענדיג נישט ווילענדיג האָט ער צוגעלייגט אַ האַנט און געהאָלפן טראָגן די שוועריקייטן.

ס׳איז ליידער דער פּלאַץ צו באַגרעניצט אויסצורעכענען די אַלע ליטעראַטן, זשורנאַליסטן, מחברים און כלל־טוער, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט און קאָנצענטרירט אין דעם הויז פון 48 מייל ענד רויד, פון וואַנען עס האָט אַרויסגעשיינט אַ פאַרשטויבטער פענסטער מיט אָנגעקלעפּטע פּלאַקאַטן, „ליפּלעטס“ און אַנאָנסן, און ביי דער תמיד אָפענער טיר, וואָס מען האָט ניט באַדאַרפט „נאָקען“, האָט באַלד אַ שלאָג געטון דער ריח פון „פרייד־פיש“, פון דער דערבייאיקער „פרייד־פיש־שאָפּ“. דאָס איז קיין מניעה ניט געווען, ווייל יעדער האָט



געוווּסט און געפילט, אַז אַריינקומענדיק צו נאַראָדיצקי׳ן וועט מען זיך גאָר אַנדערש פילן. דאָרט האָט גאָר אַן אַנדערע אַטמאָספערע געשוועבט. דאָרט אין דעם שטויב פון בליי און קאַלטע בוכשטאַבן האָט געאָטעמט מיט לעבן. דאָרט איז געווען אותיות פורחות באויר. ס׳איז גלייך געווען אַ טעמע איבער וואָס צו שמועסן, אָדער אַ וויץ, אַ גלייכווערטל און אפילו נאָך דער אַרבעט אַ קערטל און אַ גלעזל כרמל־וויין.

פילע וועלן באַדויערן די אבידה פון אַזאַ ליבן געזעלשאַפטלעכן און נוצלעכן מענטשן ווי י. נאַראָדיצקי ע״ה. זאָל פאַר אונז זיין אַ שטיקל נחמה, וואָס זיינע יורשים באַמיען זיך צו גיין אין זיינע דרכים, און אויך אַרום זיי קאָנצענטרירן זיך די שרידים־יחידים, וואָס ווילן און האָבן וואָס צו זאָגן, און קאָנען אויסדריקן זייער שמערץ און פרייד דורך די שורות פונ׳ם דרוק, די ירושה וואָס עס האָט איבערגעלאָזן דער נפטר ישראל נאַראָדיצקי. תנצב״ה.

---

רחל דון־יחיא.

## זיין הומאר

געווידמעט דעם זכר פון אַ אידישען „גבור“ און מענשען־פריינד

ישראל נאראדיצקי.

דער גוט באַקאַנטער פילאָזאָף בערגסאָן, אין זיין בוך „געלעכטער“, באַהאַנדעלט, פון אַ פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, די פאַרבינדונג־מאָטיוען און מאַניפעסטאַציעס פון טראַגעדיע און קאָמעדיע, און ענדיגט דערמיט אַז נאָר דער מענש וועלכער האָט דאָס טראַגישע אין לעבען טיף אין זיך איינגעזאַפּט, און איז אַרויס דער זיגער, נאָר דער מענש באַזיצט דעם כח פון לאַכען פון זיך אַליין, וועלכעס איז די העכסטע שטופע פון גבורה.

נאַראָדיצקי, דער פאָלקס מענש — דער ברודער פון „באָנטשע שוויג“ — האָט פאַרמאָגט אָט דעם גרויסען כח פון לאַכען. דאָס איז געווען זיין שטילער, טיפער הומאָר.

כדי דאָס אויבנדערמאָנטע צו אילוסטרירן מוז איך דאָ איבערגעבן אייניקע אינצידענטן פון אונזער יידישן לעבן אין לאָנדאָן, אין אָנפאַנג פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט, ווען אַ גרופּע פון העברעאישע תלמידי חכמים, שרייבער, דענקער און פּאָעטן זיינען מיט אַמאָל אָנגעקומען קיין לאָנדאָן פון מזרח אייראָפּא (1905 נאָך די קישינעווער פּאָגראָמען). איך פערזענליך האָב געהאַט דעם גרויסן זכות צו קומען אַהער אין יענער צייט.

נאַראָדיצקי איז שוין האָמאָלט געווען אַ תושב אין לאָנדאָן, אַ בעל הבית מיט אַ דרוקעריי אין מייל ענד, נעבן אייזיקס „פרייד־פיש שאָפּ“. מיט אַ בחור אַ זעצער, און מיט אַ מר. כהן, וועלכער איז אָט ווי צוגעוואַקסען געשטאַנען ביי זיין פוס־מאַשין, האָט געפרעסט מיט׳ן פוס און געדרוקט: אַנאָנסען, מיט קאַרטן, מיט פלוג־בלעטער וועגן אַלע יידישע ענינים. נאָר מער פון אַלץ האָט מען געדרוקט וועגן „עברית בעברית“.

פון אַריינשיקן אַ חשבון פאַר׳ן דרוקן האָט נאַראַדיצקי נישט געהאַלטן. ווער עס האָט באַצאָלט, און ווען מ׳האָט באַצאָלט — האָט מען באַצאָלט. און אַז מען האָט ניט באַצאָלט האָט מען ניט באַצאָלט. „מן הסתם האָט מען דאָך ניט געקענט״. נו, איז וואָס? וועט ער אָפּשטעלן דעם דרוקן פון אַזעלכע וויכטיקע זאַכן?

ווען איר זענט אַריינגעקומען מאַכן אַ באַשטעלונג האָט איר תמיד געפונען נאַראַדיצקי׳ן מיט איל־פאַרשמירטע הענט, אין דער צושפּאָלטענער זשילעטקע מיט די פאַרקאַטשעטע אַרבל, שטאַרק פאַרטון אין דער מלאכה, מיט אַזוי פיל ליבע און איבערגעבענהייט צו דער זאַך אַליין. דאָ פאַרריכט ער אַ פּלאַטע, דאָ גיט ער צו אַ פּאַסיקל אין דרוק, דאָ שטעלט ער אַריין אַ מגן־דוד. „אָט דעם אינהאַלט דרוקן אָן אַ מגן־דוד וועט עס אויסזען ווי אַ ייד פאַר מתן־תורה״, זאָגט ער. דאָ זוכט ער אויס שענערע און בעסערע פּאַפּיר, א.אַז.וו.

איר ווענדעט זיך צו אים מיט אייער באַשטעלונג. מאָמענטאַל וואַרפט ער אַלץ אַוועק, און מיט זיינע שוואַרצע טיף־זעענדיקע אויגן האָט ער שוין דעם טעקסט איינגעשלונגען מיט גרויס הנאה. ביי יעדן פּאָעטישן און קינסטלערישן אויסדרוק גיסט זיך אויס אַ נחת׳דיקער שמייכל אויף זיין פּנים. אָבער זאָגן זאָגט ער גאָרנישט... ווען ער געפינט ווידער אַ בטלנות׳דיקן אויסדרוק ווערט עס באַלד אויסגעשטראָכן מיט זיין פאַרשוואַרצטן בלייפעדער. און טייטלענדיק צו דעם זאַץ, קוקט ער אייך אָן אַזוי תמימות׳דיק מיט אַ פראַגע־אויסדרוק, דאָס הייסט „מה זה יוסיף?״ און איר האָט אים ווירקליך נישט וואָס צו ענטפערן, ווייל איר פילט אַז ער איז גערעכט. נאַראַדיצקי׳ס געשמאַק פאַר דעם העברעאישן סטיל איז געשטאַנען אויף זייער אַ הויכער מדרגה, און דאָס איז דאַן אָנערקענט געוואָרן פון די אַלע געלערנטע פון אונזער גרופּע. אָבער האָט ער אונז אַמאָל אָפּגעטון אַ שפּיצל! ער האָט שוין איינמאָל גוט אָפּגעלאַכט פון אונזער בטלנות, אָפּגעלאַכט אויף זיין שווייגענדיקן אופן.

דער אידעאַל פון אונזער גרופּע איז באַשטאַנען אין דער אויפלעבונג און פאַרשפּרייטונג פון דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור, אַזוי גוט ווי די אויפוועקונג פון דער ליבע צו ארץ ישראל. אום דאָס צו דערגרייכן האָט מען די ערשטע זאַך באַדאַרפט אויפלעבן די סיסטעם פון העברעאישע דערציהונג און למוד דאָ אין לאָנדאָן. און ווער האָט זיך געקענט צו אונז פאַרגלייכן ווען מיר האָבן דערלעבט צו שאַפן דאָ אין לאָנדאָן אַן אגודת המורים. מיר האָבן גוט געפילט אַז מיר דאַרפן זיין ניט נאָר מלמדים נאָר אויך לומדים. אָט האָבן מיר גלייך צונויפגערופן אַלע תלמידי חכמים פון מזרח און מערב, און אַראַנזשירט אַ פּסח־קורס פון זעקס פאָרטראָגן אין טאָינבי האָל. די פאָרטראָגן זיינען געווען איבער זייער וויסנשאַפטליכע ענינים. צום ביישפּיל דר. לייאָנעל באַרנעט פון בריטיש מוזעאום האָט אונז געגעבן אַ פאָרטראָג איבער „תורה און וידע״ (די תורה פון די הינדוס) און נאָך אַזעלכע טעמעס ווי פּעדאַגאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, פילאָלאָגיע, חכמת ישראל א.אַז.וו. מיר האָבן שוין דאַמאָלט אַלע גענומען פאַרשטיין ענגליש, און די פאָרטראָגן זיינען געהאַלטן געוואָרן אָדער אין העברעאיש



אָדער אין ענגליש. אָבער די גרויסע אַפּישן וועלכע מיר האָבן באַשטעלט זיינען נאַטירליך געווען נאָר אין העברעאיש.

דער טעלעפאָן קלינגט פלוצלינג. ניט ביי אונז חלילה. וואָס זיינען מיר ראָטשילדס צו פאַרמאָגן אַ טעלעפאָן? אָבער עס קלינגט ביי אונזער שכנה די גביר׳נטע דעם „טרעוועלערס״ פרוי. אַ „מעסעדזש״: איך מוז גלייך קומען צו נאַראַדיצקי׳ן אין דרוקעריי צו לייענען די קאָרעקציעס פון די אַפּישן (אַנאָנסען). איך פלי ווי אַ פייל פון בויגן. ערב פסח, ניט ערב פסח, אַ קלייניקייט, אַזאַ וויכטיקער ענין! איך לויף אַריין פאַרסאָפּעט, קוים מיט׳ן לעבן. כ׳דערזע אָט שטייט אויפגעשטעלט אונזער גרויסער אַפּיש מיט די אַלע גרויסע נעמען פון די רעדנער, יידן און גוים, מיט די טעמעס פון זייערע רעדעס, און אַלעס נאָר אין העברעאיש, קיין אין ענגליש וואָרט חלילה. אָבער גאָר פון אויבן דערזע איך פלוצלינג אַ גרויסן „ח״, אַזוי לאַנג און אַזוי גרויס טאַקע ווי דער יידישער גלות: אגודת חמורים . . .

נאָך אַ שפּיצל: מעשה שהיה. איך אַליין, בכבודי ובעצמי, בין מיט אַמאָל דערהויבן געוואָרן, און אַריין „פּרקאַמאַ״ אין די הויכע פענסטער פון דער וועסטענד. איך האָב גענומען קריגן דאָרטן תלמידים, און קריגן צען שילינג און זעקס פּענס פאַר אַ שטונדע, אַנשטאָט צו ניין פּענס אַ שטונדע וועלכע כ׳האָב ביז דאַן געקראָגן ביי כהן דעם מילך־מאַן, וועלכער האָט געהאַט אַ בהמה און האָט פאַרקויפט כשר׳ע יידישע מילך, און האָט געהאַט אַ בן־יחיד׳ל יאַנקעלע מיט וועמען מען האָט באַדאַרפט לערנען בלק...

און אַזוי באַלד ווי איך האָב זיך דערהויבן צו די הויכע פענסטער האָט מיר ווייטשעפּל נאַטירליך שוין מער ניט געפּאַסט. מען מוז דאָך האָבן אַן „אַדרעס״. האָבן מיר זיך זאָפאָרט אַריינגעצויגן אין עצם קליסאָלד פּאַרק רויד — די „מעיפעיר״ פון ווייטשעפּל. און איצט מוז מען דאָך האָבן קאַרטן. לויף איך צו נאַראַדיצקי׳ן און איך דערצייל אים די מעשה מיט גרויס התפעלות און באַשטעל קאַרטן. „נו״, זאָגט ער, „איצט וועט איר האָבן שלוש סעודות אַלע טאָג״.

ער האָט שוין געוווּסט וואָס ער האָט גערעדט, ווייל ביז דאַמאָלט איז די איין סעודה אַ טאָג אויך געקומען על פּי נס. דהיינו: אַזוי ווי ברענער איז געווען אַ בחור אַ זעצער ביי נאַראַדיצקי׳ן, און נאַראַדיצקי׳ס דרוקעריי איז געווען נעבן אייזיקס פיש־שאָפּ, און אָט דאָ ליגט דער נס: ברענער האָט מער ווי צוויי פּענס אַ טאָג נישט פאַרמאָגט אויסצוגעבן, און דאָך פלעגט ער קומען מיט אַ גרויסן פּאַק „טשיפּס״ (געפּרעגלטע קאַרטאָפל) און חברה מלמדים פלעגן זיך געבן אַ זעץ אַרום טיש... קיין אַפּעטיט האָט חלילה נישט געפעלט. און אַז גאָט האָט געהאָלפן האָט גודמאַן געבראַכט אַ גרויסן לאַבן שוואַרץ ברויט, דעם וואָס מען האָט גערופן ליטוואַק האָט געהאַט אַ סגולה צו קריגן אַ געזאַלצענעם הערינג אויף באָרג, פלעגט ער אַריינקומען טרינקענדיק די הערינג־ראָסל און צאַצקענדיק זיך מיט׳ן הערינג, און געבענדיק אַ באַפעל צו קאָכן קאַרטאָפל, ווייל הערינג מיט הייסע קאַרטאָפל — אַי, אַי! מרס. קרעדיטאָר ווידער האָט

זיך דערוווסט אז דער גרויסער העברעאישער פאעט גנעסין האט א „גרויסן“ הוסט... פלעגט זי אוועקנעמען די לעצטע גלאז מילך פון אירע פיצלעך קינדער און פלעגט עס אריינברענגען פאר גנעסינ׳ען. איך אליין, די עקרת הבית, האב זיך אויסגעלערנט קאכן א גרויסן טאפ ארבעס־זופ אן פלייש. פלעגן מיר אט אזוי פראוון אונזער סעודה אלע אונט בשירה וזמרה. עס האט נאר געפעלט דער קול שופר... איצט, זאגט נאראדיצקי, וועלן מיר קענען האבן שלוש סעודות אלע טאג... היינט ווען איך דרוק נאך אפ מיינע קארטן קענען מיר דאך דעם לויתן אליין מיט דער צייט פארמאגן. יא, די הויפט זאך איז דער אדרעס מוז ריכטיג אויסגעלייגט זיין. „למען השם, געדענקט־זשע“, זאג איך, „קליסאלד שרייבט זיך מיט צוויי ס׳ן.

ער האט גוט מיין ענטוזיאזם אפגעמאסטן, האט גארנישט געזאגט, אזוי ווי תמיד. איך בין זיך אוועק צו מיין ארבעט טאנצנדיק בגילופין. אין אוונט קום איך אריין נאך די קארטן. ער דערלאנגט זיי מיר, איך לייען „קליססאלד“! „נא־ראדיצקי, גזלן, וואס האט איר געדרוקט קליססאלד מיט דריי ס׳ן?“ נאראדיצקי שוויגט...

איך האב באלד נעבעך גענומען פארשטיין אז טאקע מיר אליין, בכבודי ובעצמי, האט ער מכבד געווען מיט דעם דריטן „אס“... („אס“ הייסט אויף ענג־ליש אן אייזל).

יא, ווער עס קען טיף ליידן קען אויך ערנסט לאכן...

ווי ווייט אבער זיינען איצט, אין די שרעקליכסטע צייטן פון פארניכטונג און מארד, שענע, גליקליכע טעג פון יוגנט און שטרעבן און שאפן!

חבל על דאבדין ולא משתכחין!

ס. פאלמע.

## מיינע נחתען און עגמת-נפשען
## צוליב מיינע קארעקטורן

דער בעסטער ארט זיך צו באראטן און מאכן קארעקטורן ניט געשטערט־טער־הייט, איז פאר מיר אלעמאל געווען טאקי ביי ר׳ ישראל נאראדיצקי אין דערהיים, ביי א היימיש טעפעלע וואַרעמס.

דוקא ביי זיך, אוועק פון דעם אלגעמיינעם געשעפטלעכן הו־הא, האט דער אלטער ליטעראטור־עסטעט געקענט קומען צום אויסדרוק לויט זיין אייגענעם געשמאק און עכט־יידישע עמפינדלעכקייט מיט אלע קאפריזן און קאפריזעלעך צענויפגענומען.

נו, פלעגן מיר אפט זיצן ביי לאנגע אפצוגן און נישטערן צווישן די שורות: אפשר, אפשר דארף מען א פאסיקל, א פינטעלע וואס זאל אויסבעסערן און צו־געבן מער חן צו דעם ליד.

האט זיך איינמאל געמאכט אז מיר האבן זיך ממש „געקריגט“ צוליב דעם ווארט „לעבן“. ביי אים לויט זיין אויסשפראך, איז עס שטענדיק ארויסגעקומען



„ליבן“, און איך פלעג זיך ביי אים בעטן ווי ביי א „גזלן“ — טייערינקער, ווי קען מען נעמען דעם ווארט „לעבן“ און מאכן פון אים „ליבן“, און לעבן קען מען נאר מיט אן „ע“ און ניט מיט א „י“.

ער האט זיך קינדיש צעלאכט פאר דעם ספאנטאנעם וויץ און צוגעגעבן: „איר, פאלמע, קענט זיך ליבן מיט אן „ע“ און איך וועל האלטן אין איין ליבן מיין „י“ . . .

איצט האבן מיר שויןביידע געלאכט און געשלאסן שלום, אבער נישט אויף לאנג.

עס האט געטראפן א צווייטן מאל ווען דער לעצטער דרוק־בויגן פון מיין ניי בוך „פארוויסטע ערד“ איז שוין כמעט געווען א געשלאסענער און גרייט צום דרוק. ערשט ווי איך כאפ זיך אז א גאנצער פערז פון א ליד איז פארדרייט און פארפלאנטערט, ווי א שטייגער: פון דער זעקסטער שורה איז געווארן אן ערשטע און פון דער צווייטער שורה איז געווארן די דריטע און אזוי ווייטער. לויף איך צו אים הענדום־פענדום מיט א געוואלד: „ר׳ ישראל, איר מאכט דאך מיך אומגליקלעך, אט נאט און לייענט!“

דערביי האב איך אנגעוויזן אויף דעם פלאנטער וואס הבחור הזעצער האט געמאכט און ער האט גענומען לייענען אז אלע זאלן הערן:

6 — עס האט זיך באהאפטן דאס אייזן מיט בלוט“...
3 — איינס נאך אנאנדער פאראויס, נאר פאראויס,
2 — מיט פויקן און טאצן, דאך שטילינקערהייט
4 — און יענער דער וועכטער נאך אלץ אזוי גרויס
5 — סאלוט איך ארמייען, פאר פרייהייט סאלוט!
1 — „אין לאנגע פראצעסיעס מיט פאן און טראמפייט,

ער האט מיך דערנאך א ווילע אנגעקוקט און האלב־שמייכלענדיק בא־מערקט:

„איז וואס? וועט מען מיינען אז איר זענט געווארן א מאדערנער דיכטער און טאקע גרויס דערצו, ווייל זיי פארשטייט מען דאך אויך ניט, אבער גרויס זיינען זיי דאך“...

ער האט שטודירט מיינע גרימאסן. איך האב געשוויגן און געביסן מיין צונג... ערשט פלוצים, מיין אלטינקער גיט א קלאפ אין טיש מיט דעם אימפולס פון א יינגל צוליב עפעס א גענייאלן איינפאל: „מען וועט אפשר בכלל מיינען אז עס איז נישט אייערע א זאך“...

אט דא בין איך שוין געווארן רויט ווי א בוריק און ארויסגעפלאצט: „סטייטש, ווי קענט איר גאר אזוינס ברענגען פאר אייערע ליפן — האב איך פראטעסטירט — וואס בין איך א פלאגיאט, א גנב, צי וואס?“

„שאט, קאכט אייך נישט אזוי, דיכטער פאלמע“, האט ער שוין געזוכט מיך צו בארואיקן, „אז פאלמע איז נישט קיין גנב ווייסט מען גאנץ גוט, אבער אז שטענצל׳ס א פערז האט געקענט צו אייך פארבלאנזשען דורך א טעות, איז דאך א זאך דער מעגלעכקייט“ . . .

צדקתם הבונים שאול טשערניכאווסקי.

(די מוזיק פון פ. פייגנבלום געווידמעט ר׳ ישראל נאַראַדיצקי)






לייב קורלאנד.

## דער הארציקער ייד

### (עטליכע שורות וועגן י. נאראדיצקי ע״ה)

די דרוקעריי און פאַרלאַג י. נאַראַדיצקי איז מיר געווען באַקאַנט שוין פון לאַנג. געהערט וועגן זיי און וועגן דעם בעל־הבית נאָך איידער די מלחמה־גורלות האָבן מיך געצוווּנגען אויפצוהאַלטן זיך אַ צייט אין ענגלאַנד. איך האָב געוווּסט, אַז עס זיצט אַ ייד אין לאָנדאָן, אַ ייד אַן עקשן, וואָס דרוקט און גיט אַרויס יידישע ביכער, וואָס קוקט ניט אויף די גרויסע שוועריקייטן, אויף די מאַטעריעלע סכנה צו האָבן צוטון מיט יידישע קבצנים, וואָס שרייבן, וואָס אויף להכעיס דער אַסימילאַציע און דעם „בליץ״ — דריקט ער אונטערמידלעך אין יידיש און לשון־קודש. איך האָב זיך אים געמאָלן: אַ ייד — אַ גבור, אַ ריזיגער מענטש מיט ברייטע און קרעפטיקע אַקסלען.

דערקענט האָב איך אים מיט אַ יאָר צוריק, ווען כ׳בין אַליין געוואָרן, לא עליכם, אַ נצרך און די כישוף־שטיק פון דער מזוע, וואָס איז ממונה איבער יידישע שירים, האָבן מיך געשטויסן אין זיינע אָרעמס. און די אָרעמס זענען געווען שוואַכע, פיזיש גאָר נעבעכדיקע, געהערט צו אַ קראַנקן און צעווייטיקטן מענטש.

— „הזאת״ נאַראַדיצקי? — האָב איך פאַראַפראַזירט רות.

תמיד, ווען מיר ווילן זיך פאָרשטעלן דאָס בילד פון אַנאָונבאַקאַנטן לויטן פּאַרנעם פון זיין ווערק און אויפטו, מאָלט אונז די דערפאַרונג און אונטערבאַוווּסטזיין אַ פיזישע געשטאַלט פּראָפּאָרציאָנעל צום געשאַפענעם. רוח און חומר פּאָרן זיך צונויף, איינס ווערט אָפּהענגיק פון צוויטן און די אונטערבאַוווּסטזיניקע געהאַנקן־אַסאָציאַציע שטעלט דעם צייכן פאַר גלייכהייט צווישן זיי. זער אָפט איז עס פאַלש. אין אונזער פאַל איז עס דורך און דורך פאַלש; פאַלש אויך צוליב דעם, וואָס אַזאַ מין טראַכטן מאַכט מטושטש די גייסטיקע פערזענלעכקייט און אונטערשאַצט איר באַדייטונג.

דעריבער ווען איך האָב זיך באַקענט מיט אים נענטער, צוגעקוקט זיך צו זיין אַרבעט, צוגעהערט צו זיינע רייד און צו זיין שווער, אַסטמאַטיש אָטעמען — האָב איך ערשט רעכט אָפּגעשאַצט זיין אמת׳ן ווערט. ער איז אויסגעוואָקסן אין מיינע אויגן צו דער געשטאַלט פון אַ ריז, אַ גייסטיקן גבור.

זאָלן עטלעכע ביישפּילן, דערינערונגען, דינען אַלס אילוסטראַציע.

איך האָב, ווי אָנגעדייט פריער, געבראַכט צו אים מיין מאַנוסקריפּט; געבעטן אין זיין מיינונג; געפרעגט וועגן באַדינגונגען. ער האָט מיך געהייסן קומען נאָכמיטיק נאָך אַ תשובה.

— נו, האָב איך געפרעגט צוריקקומענדיק—געפעלן?

אָנשטאָט אַ תשובה האָט ער גענומען רעציטירן בעל־פה דאָס אריינפיר־

ליד אינם העפּטל לידער. און געזאָגט האָט ער עס פּליסיק, אַן פֿאַרהאַקן זיך, אָן אָטעמען. און פֿאַרענדיקט:

— איך האַלט, אַז דאָס העפּטל ברויכט צו דערשיינען גיך. מיר נויטיקן זיך אין אַ דערמוטיקונגס־וואָרט, אין אַ ליד וואָס זאָל געבן בטחון, זאָל שטאַרקן. אוי, ברויכן מיר עס איצט, טאַטע זיסער, האַרצעדיקער!

איך האָב געפֿרעגט תכלית.

— מיר וועלן אַדורכקומען — האָט ער געשמייכעלט — אַז אַ זאַך איז ווערט די טרחה, איז ווערט אַפֿילו צו דערלייגן צום געשעפֿט, איז אַפֿילו אַ מצווה צוצולייגן דערצו...

און גיך איז ער איבערגעגאַנגען צו אַן אַנדערע טעמע:

— זאָגט נאָר, איז עפּעס פֿאַראַן רשעות ביי אייך אין מיליטער? האַ... און וואָס טראַכט איר וועגן ארץ־ישראל, האַ?... און גלויבט איר, אַז אַן אַלטער ייִד ווי איך, מיט אַזאַ קורצן אָטעם ווי איך, וועט דערוואַרטן זיך די גאולה, האַ — דאָקטאָר?!...

---

דאָס צווייטע מאָל איז מיר אויסגעקומען צו האָבן אַ מגע ומשא מיט אים ערשט ניט לאַנג, אַ קורצע צייט פֿאַר זיין טויט, אין צוזאַמענהאַנג מיט מיינע דערציילונגען. לאָמיך אָגב דערמאָנען, אַז מיין בוך האָט כמעט געשלאָסן דעם לאַנגען קייט פֿון עטלעכע הונדערט ביכער און ספֿרים, וואָס ער האָט אייגנהענדיק אַרויסגעגעבן, און איך, פּערזענליך, האַלט דעם פֿאַקט פֿאַר זייער חשוב, און שעץ עס אַלס אַ גרויסן כבוד.

ביי דער געלעגנהייט האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט אָפּצושאַצן זיין וואַרעם ייִדיש האַרץ, זיין מסירת־נפֿשדיקע איבערגעגעבנהייט צו זיין אַרבעט, וועלכע ער האָט געהאַלטן אַלס אַ שליחות. דאָקטוירים האָבן אים געהייסן רוען, שוינען זיך, ניט אַרבעטן צווישן דעם בליי־שטויב אין דרוקעריי — אָבער ער האָט ניט געפֿאָלגט. ער האָט תמיד געוואַכט איבער דער אַרבעט, געהאָלפֿן די שרייבער, געדינט מיט זיין אינטעליגענטער און תלמיד־חכמדיקער עצה, געמאַכט קאָרעקטורן. געטראָגן זיך מיט פּלענער אַרויסצוגעבן ש״ס, אַרויסצוגעבן איבערזעצונגען פֿון ייִדישע מייסטערווערק אין ענגליש, וכדומה.

ער האָט מיין כתב־יד דורכגעלעזן אין עטלעכע שעה, געלעזן אויפֿמערקזאַם און געדענקט יעדע דערציילונג גענוי, יעדן קלענסטן עפּיזאָד. ער האָט געהאַט עטליכע ספֿקות בנוגע געוויסע אויסדרוקן, וועלכע זיינען ניט געווען אין איינקלאַנג מיט זיין אַדעסער ייִדיש, מיט וועלכן ער האָט שטאָלצירט. מאַנכע ווערטער פֿון מיין פּוילישן ייִדיש זענען אים אויסגעקומען קשה־דיק. זענען מיר געגאַנגען צו אַ דין־תורה צו דער באַלעבאָסטע, די האַרציקע פֿרוי נאַראַדיצקי, און אין דרייען געפֿירט אַ וויכוח וועגן אַ ייִדיש וואָרט.

דאָס בוך איז דערשינען אין אַ רעקאָרד־צייט. ווען איך האָב אויסגעדריקט מיין פֿאַרוווּנדערונג צוליב דעם גיכן טעמפּאָ — האָט ער זיך פֿאַרטיידיקט: פֿאַראַן אין בוך זאַכן, וואָס איז געווינשן, אַז מענטשן זאָלן עס גיכער לעזן,



טראַכטן דעריבער, אַריינטראַכטן זיך אין דער לאַגע, און ווי אַמשנעלסטן... אפֿשר ענדיקט זיך דערווייל דער קריג — האָט ער איראָניש געשמייכעלט.

ער האָט באַדויערט, וואָס אַזוי ווייניק ייִדן האָבן אַנאינטערעס פֿאַר ייִדיש, פֿאַר אַ ייִדיש בוך, אַז אַזויפֿיל ייִדן—אַפֿילו היינט, אין דער גרויזאַמסטער פֿון אַלע צייטן—האַלטן זיך פֿרעמד צו ייִדיש און ייִדישן שאַפֿן, צו ייִדישקייט בכלל... אַז אַך און וויי איז צו אונז!

— ווען איך בין יונג און האָב כחות, וואָלט איך די אַלע עמי־הארצים און אַסימילאַטאָרן געפֿירט אין חדר אַריין, געדרוקט פֿאַר זייערטוועגן לערנביכער און געקנעלט מיט זיי אלף־בית, זיי זאָלן מיט דער צייט דערקענען דעם אוצר פֿון ייִדיש און ייִדישקייט, זיי זאָלן זיך העכערפֿילן ווערטפֿולערע ייִדן און מיט שטאָלץ טראָגן דעם עול פֿון זיין אַ ייִד! — פֿלעגט ער זאָגן.

אַ גרויסע שאָד, וואָס די פֿיזישע מעגלעכקייטן זענען אים ניט ביישטאַנען: דאָס לאָנדאָנער ייִדנטום וואָלט דערפֿון אַ סך מער געוואונען, זעהר אַ סך!

---

י. ביעטש

## ישראל נאראדיצקי ע״ה

דאָס ייִדישע לאָנדאָן איז געוואָרן אָרימער דורך דעם טויט, וואָס האָט אַרויסגעריסן אַן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט זיין גאַנצע ענערגיע געווידמעט דאָס אַרויסגעבן פֿונם ייִדישן בוך. די אבֿידה וועט זיך פֿילן אין אונזער ישובֿ, אָבער פֿאַר די ייִדישע שרייבער און דיכטער איז עס אַ נאָך גרעסערער פֿאַרלוסט.

דער פֿאַרלאַג־וועזן ביי אונז שטייט אויף אַ זייער נידריקן מצבֿ, און י. נאַראַדיצקי האָט פֿאַרנומען דאָס ערשטע פּלאַץ. און ווער נאָך ווי ער האָט געקענט די לאַגע און די באַציהונגען פֿונם עולם לגבי דעם ייִדישן בוך. און איצט, ווען אין אַ סך ייִדישע קבוצים ווערט דאָס ייִדישע גייסטיקע לעבן צושטערט און פֿאַרניכטעט, אין דער ביטערער צייט וועט פֿאַר אונז נאַראַדיצקי שטאַרק פֿעלן. וואָס וואָלט אַ ייִדישער שרייבער געטון, ווען ער וואָלט נישט אויסגעשטרעקט אים אַ ברייטע האַנט אין שייכות מיט דעם ייִדישן בוך. עפּעס האָט געהערשט אַ רעליגיעזע אינטימע פֿאַרבינדונג צווישן דעם מחבר און אַרויסגעבער. בכלל איז נאַראַדיצקי געווען אַ מענטש פֿון אַ הויכן קולטורעלן ניוואָ און באַזעסן אַן עסטעטישן געשמאַק פֿאַר יעדעס געדרוקטע וואָרט, וואָס איז אַרויס אונטער זיין אויפֿזיכט.

עס איז נישט איבערטריבן צו זאָגן אַז ישראל נאַראַדיצקי איז געווען ווי אַ שטיק ייִדישע קולטור טראַדיציע, ווייל די מערסטע ייִדישע ביכער, וואָס זיינען דערשינען אויף דער ייִדישער גאַס זיינען אַרויס פֿון זיין דרוקעריי. איך וואָלט זיך דערלויבט עס אָנצורופֿן די נאַראַדיצקי־תקופֿה, און דעם קולטור באַדייט אין דעם קליינעם ישובֿ, וואָס מען רופֿט ייִדיש לאָנדאָן. עס ווילט זיך האָפֿן אַז די יורשים פֿון דער ייִדישער קולטור אינסטיטוציע וועלן אויפֿהאַלטן די שיינע טראַדיציע.

ישראל נאַראָדיצקי איז אַלע טעג פֿון זיין לעבן געווען פֿאַרבונדן מיט דעם קינסטלערישן יידישן וואָרט, און מיט פֿאַרשטענדניס און רעספּעקט זיך באַצויגן צו יידישע קונסט שאַפֿונגען. עס מוז ווערן אָנגעמערקט, אַז ער איז געווען אַ מיטגליד אין דעם קונסט פֿאַראיין „בן אורי“ כמעט פֿון איר גרינדונג. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן דעם ערשטן בן־אורי אַלבום, אויך דער פֿאַרלעגער פֿון די חודשלעכע יידיש־ליטעראַרישע העפֿטלעך. ס׳איז בלי ספק אַז נאַראָדיצקי האָט זיך דערוואָרבן אַ שם־טוב, וואָס איז נישט בלויז געווען באַוווּסט און געשעצט ביי אונז אין לאָנדאָן. זיין דרוקעריי און נאָמען איז אויך געווען באַוווּסט אַחוץ די ענגלישע ברעגעס. ער איז געווען אַ קעמפֿער פֿאַרן יידנטום, און באַזונדערס פֿאַר דעם ציוניסטישן געדאַנק.

די לויה פֿון דעם חשוב׳ן נפֿטר האָט געוויזן ווי הויך געשעצט ער איז געווען פֿון אַ סך פֿריינט, קולטור טוער, שריפֿטשטעלער, דיסטער, וואָס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד אַ מענטש, וואָס איז אַלע זיינע טעג געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט יידישע שרייבער, וואָרים זיין גוטע און מענטשליכע באַמיהונג לטובת דער שרייבער משפּחה האָט פֿיל געהאָלפֿן, אַז די ליכטלעך פֿונם יידישן שאַפֿן זאָלן נישט אויסגעלאָשן ווערן.

ערע זיין אָנדענק.

---

א. אייזיקאָוויטש

## נאַראָדיצקי-עפּיזאָדן

וועד איז געשטאָרבן ?!

אין 1904, ווי מען איז געגאַנגען האָט מען נאָר געהערט ריידן פֿון הערצל׳ס טויט; אין גאַס, אין די שולן, אין די קלובן און רעסטאָראַנען, ביי די אַנאַרכיסטן־אינדיווידואַליסטן, אַנאַרכיסטן־קאָמוניסטן, „בונדס מיטגלידער פֿאַראיין וועקער“, אין די דריי סאָציאַליסטישע פֿאַראיינען, אין דער יידישער לעזע־האַלע פֿון דעם „הערצל־נאָרדוי קולטור פֿאַראיין“ — הכלל אומעטום. און הספּדים האָבן ניט געפֿעלט, פֿאַרשטייט זיך, אויך אין דער פּרעסע.

אָן ערך אַ וואָך שפּעטער קום איך אַריין צו נאַראָדיצקי׳ן און דערזע אַ גרויסן פּלאַקאַט מיט אַ שוואַרצן ראַם.

נאָך איידער איך האָב איבערגעלעזן דעם אינהאַלט, האָב איך אויסגעדריקט מיין ערשטוינען איבער די מיאוסקייט פֿון דעם דרוק. „ווי קומט צו אייך אַזאַ שטיקל אַרבעט ?“ פֿרעג איך, „איר טוט דאָך אַלעמאָל אַריין אַ שטיק נשמה אין אַ דרוק־זאַך !“ האָט נאַראָדיצקי אַרויסגענומען אַ נומער פֿון די סאָציאַליסטישע „נייע צייט“ און זאָגט צו מיר:

„די סאָציאַליסטן שרייבן אַ לאַנגען אַרטיקל אין וועלכן זיי לויבן זיין אידעאַליזם, אינטעליגענץ און זיין פֿעאיקייט צו אָרגאַניזירן. וואָלט הערצל זיך געקאָנט אויפֿהויבן צום העכן אידעאַל פֿון סאָציאַליזם, וואָלט ער געהאַט די מיליאָנען מאַסן הינטער זיך; ער איז אָבער געווען אַ קליינקעפּיקער בורזשוא, דערפֿאַר איז ער געבליבן ביי אַ הייפֿל קליינבירגער“...



„און די ציוניסטישע פֿעדעראַציע דרוקט אַ פּלאַקאַט, ווו מען שטעלט הערצל׳ן גלייך מיט דעם רבונו של עולם“, און ווייזנדיק אויפֿן פּלאַקאַט לייענט ער מיר פֿאַר דעם אינהאַלט:

„ביז איצט האָבן מיר געהאַט צוויי וועלכע האָבן פֿאַר אונז געזאָרגט — גאָט אין הימל און הערצל אויף דער ערד — איצט איז איינער געשטאָרבן, ווער וועט אונז ווייטער פֿירן ?“...

„פֿאַרשטייט איר שוין“, זאָגט ער צו מיר, „פֿאַרוואָס איך קאָן ניט אַריינטון מיין נשמה אין דער אַרבעט ?“

אָט דאָס איז געווען נאַראָדיצקי. ער קאָן זיך ניט באַגייסטערן פֿאַר שטותים — אַפֿילו ווען עס קומט פֿון זיין אייגענעם לאַגער.

• • •

אונטער דעם דרוק פֿון דער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע, אויף פֿאַרזאַמלונגען, אין דער פּרעסע און דורך ביכער, איז די ענגלישע רעגירונג געווען געצוווּנגען איינצוזעצן אַן „עליען קאָמישאָן“, אַ קאָמיטע, וועלכע זאָל באַהאַנדלען די פֿראַגע צי מען זאָל ווייטער אַריינלאָזן אויסלענדער קיין ענגלאַנד.

האָבן די פּועלי ציון, אונטער דער פֿירונג פֿון קלמן מרמר, דר. וואָרטסמאַן, אַבערסאָן א. אַ. באַשלאָסן „ניט צו שווייגן“; מיר מוזן פּראָטעסטירן, און דווקא אין אַ גרויסן זאַל און דווקא אין ווייטשעפּל. רעדנער מוז מען האָבן, פֿאַרשטייט זיך, אַזעלכע, וועמענס וואָרט מען וועט דערהערן „אין הויף“.

זיינען מיר געגאַנגען צו נאַראָדיצקי׳ן בעטן עצות, ווי דעם פּראָטעסט מיטינג אַמבעסטן צו אָרגאַניזירן. צו אונזער ערשטוינען האָט זיך נאַראָדיצקי מיט באַגייסטערונג אַריינגעטון אין דער אַרבעט. די פּלאַקאַטן און די „הענד־בילס“ זיינען געווען מייסטער־אַרבעט. ער האָט אונז געראָטן צו דינגען די „וואָנדערלאַנד“ (אַ ריזיגער זאַל אין ווייטשעפּל), און דער איינטריט זאָל קאָסטן ניט ווייניקער ווי צוויי פּעניס. אַלס רעדנער האָבן מיר געהאַט גאַנץ אייגענע אין יידיש — אַדוואָקאַט בענטוויטש, פּראָפֿעסאָר גאַסטער, און דעם יידישן אַרבעטער פֿירער שייער.

דער ערפֿאָלג איז געווען 120 פּראָצענט, דער זאַל געפּאַקט, די קאַסע פֿול און די ענגלישע פּרעסע האָט געבראַכט גוטע באַריכטן.

איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען נאַראָדיצקי׳ס פֿרייד ווען ער האָט באַטראַכט דעם גרויסן עולם. ער איז ניט געווען קיין פּאַרטיי מענטש. אַלעמאָל רואיק און געלאַסן. האָב איך אים אַ וואָך שפּעטער געפֿרעגט: פֿאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געפֿרייט איבער דעם ערפֿאָלג פֿון די פּועלי ציון?

צו מיין ערשטוינען האָט ער מיר געענטפֿערט: „ביזנעס, מיין פֿריינט, ביזנעס. איך רעכן זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל, און די פּועלי ציון וועט דאָרט זיין די רעגירונגס פּאַרטיי, וויל איך מיך ביי אייך איינקויפֿן, כדי איר זאָלט מיר דאָרטן געבן די דרוק־אַרבעט פֿאַר אַלע מיניסטעריומס“... איך האָב דאָס אָנגענומען פֿאַר גלאַט אַ וויץ; אָבער נאַראָדיצקי האָט אַרויסגענומען אַ יידיש־אַמעריקאַנער צייטונג און לייענט מיר פֿאַר אָט וואָס:

„אַ פּאָר מענטשן זיינען צוגעגאַנגען צו ד״ר. זשיטלאָווסקי און געפרעגט: ווער האָט אַ רעכט צו רעדן אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטער — דער „בונד״ אָדער די „פּועלי ציון״? און ד״ר. זשיטלאָווסקי האָט געענטפערט: ביז איצט איז דער „בונד״ אָן ספק דער איינציקער פאַרטרעטער פון די יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד, ליטע און פוילן. אין דער צוקונפט אָבער וועלן די „פּועלי ציון״ אַליין האָבן דעם איינפלוס אויף די יידישע אַרבעטער אין דער גאַנצער וועלט״.

ווען איך לייען היינט באַריכטן פון די הסתדרות אין ארץ ישראל און די „פריינט פון אַרבעטענדען ארץ־ישראל״ אין אַנדערע לענדער, דערמאָן איך זיך אין מיין פריינט און רבי ישראל נאַראַדיצקי ע״ה.

א. נ. שטענצל

## דער רבי פון ראדאמסק זצ״ל

(אַנשטאָט זכרונות אָפּגעדרוקט לזכרון פאַר י. נאַראַדיצקי ע״ה)

דער געדאַנק נאָך, די שטילע מחשבה,
אַז נישט בפרהסיא ס׳זאָל חלילה געשען,
אַז נישט די ערד זאָל באַפלעקט ווערן
און נישט די זון זאָל דעם מאָרד דערזען.

אין לעצטער רגע אין זין צו האָבן,
נישט זיין לעבן — די וועלט אַזאַ שאָד!
די „תפארת־שבתפארת״־שיינקייט — —
דער „חסד־שבחסד״־גענאָד — —

אהבת־ישראל, עניוות,
ס׳וואָלט דאָך אַלצדינג אַ ליגנט געווען,
ווען דאָס וואָס מיט אַלע אינדערהיים
ס׳וואָלט אויך מיט איהם נישט געוועזן געשעהן.

ניין, נישט ווייל אַ בן־של־קדושים,—
דעם רבי׳ן זכרונה־לברכה׳ס זון!—
די קדושה אויף זיין ליכטיג פנים
איך אַליין האָב זי דאָך געזעהן נאָך רוה׳ן — —

פול מיט שיינקייט, פול מיט גוטסקייט דעמלט,
פול מיט ניגונה איז די גאַרע וועלט,
און מיר אַלע אינ׳ם גאַנצן אַרום
אין איין שטילן ניגון צוזאַמענגעשטעלט — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —



אַ, נאָך זעה איך איהם פאַר מיינע אויגן, —
אין זיין רעיון ווען ר׳איז געווען פאַרטון! —
איז דאָס נישט געווען זיין לעצטער געדאַנק
און די שכינה אויף זיין פנים וואָס פלעגט רוה׳ן?

## ביי דער פטירה

א פנים האָט זיך טיף איבער אים געבויגן
ס׳האָבן הענט שטיל אים אונטערגעכאַפּט,
און געשעפּטשעט נישט מיט די ליפּן,
נאָר מיט צוויי אויפגעריסענע גרויסע אויגן:

„ויצא משה לפני אחיו — —
משה איז אויסגעגאַנגען פאַר זיינע ברידער״,
ווען פון דער קויל אַ געטראָפענער,
אויף דער ערד ר׳האָט געגעבן אַ פאַל אַנידער.

ער אָבער האָט זיינע פעסט פאַרמאַכט,
כדי נאָך איין רגע כאָטש צו קענען דענקן,
און געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט,
אַנשטאָט אויסצוציקן מיט זיינע געלענקן!

איז דען נישט גענוג זכיה פאַר מיר,
אַז געקוילעט איך בין מיט אַלע צוזאַמען, — —
מן־הסתם מוז עס דאָך אַזוי זיין,
אַז ס׳זאָלן דורות פון אונז ווייטער נאָך שטאַמען.

— — — — — — — — —

(דער ליכטיקער, דער שטילער שמייכל,
וואָס איז אויף זיינע ליפּן פאַרגליווערט געבליבן,
האָט די רוצחים מיט ווילדן פחד פון שטוב
אויף הינטערוויילעכטס אַרויסגעטריבן).

נאָר יענע אויפגעריסענע אויגן,
פונם געשטאַלט וואָס איז איבער אים געשטאַנען,
האָבן דעם מאַך פון דער האַנט געזען
און האָבן דעם סוד פון אייביקייט פאַרשטאַנען.

# ניט-געשריבענע זכרונות פון הבחור-הזעצער

(צום אָנדענקן פון זיין בעל־הבית־„קאָלעגע״)

„(אין דער דרוקעריי ביי נאַראָדיצקין)״—
„ווי האָניק, נאָך אין וואַרעמען וואַקס, זען־אויס,
די געגאָסענע שורות צום דרוקן שוין גרייט!
אָ, אפשר וועט אַ האַרץ אַ צעוויטיקטס פון לייד
זיך פאַרקריכן אין אַזאַ געשריבענעם אות —
[פון שטענצלס „לאָנדאָנער סאָנעטן״.]

צו זאָגן יזכור נאָך אַ מדפיס, אַ בעל־בית־„קאָלעגע״—וואָרים ביידע זיינען מיר געווען, להבדיל בין החיים והמות, בבחינת „הבחור־הזעצער״,—פיל איך ס׳וועט זיין אפשר מער כבוד ניט צו באַנוצן זיך, מיט דעם שטענדיגן חומר אונזערן—דעם כתב־יד (!)... נאָר לאָזן די אותיותלעך אונזערע לויפן אַזוי ווי די זכרונות וועלכע וועלן אויפשפּרינגען און באַהעפטן זיך אות מיט אות, וואָרט מיט וואָרט, געהאַנק מיט זכרון . . .

ס׳איז געווען זומער 1914, דאָס יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען כ׳האָב ס׳ערשטע מאָל באַטראָטן די שוועל פון 48 מייל ענד רויד. פון יענעם טאָג אָן, האָט ישראל נאַראָדיצקי, ניט אויפגעהערט לעבן פאַר מיר אַלס דער סימבאָל און פאַרקערפּערונג פון אונזער עקזיסטענץ און באַרוף וואָס רופט זיך „העוסק במלאכת הקודש״... „הבחור־הזעצער״ . . .

אין יענער צייט איז ער, ישראל נאַראָדיצקי, דער וויטשעפּעלער דרוקער, געווען פאַרנומען מיט דאָס אַרויסגעבן אַ קליין טאַשן־משניותל — אַ טל־ומטרל משניות׳ל און נאָך ניט גענוג—נאָר נאָך מיט נקודות! — — וואָס דאָס מיינט אַזוינס קאָן נאָר אַ פאַכמאַן, און אַ העברעאישער דערצו, פאַרשטיין. אַז דער אות מיט דער נקודה צוזאַמען האָט געמוזט פאַרנעמען זיבן (פוינט) פונקט; און וואָס מיט דגושים? — אָבער רבי ישראל האָט מיר אויסגעשטעלט ווי אויף אַן אויסשטעלונג, על ארבע פנות, פיער קאַסטנס מיט קליינע ברעקעלעך אותיותלעך—בסך־הכל קרוב צו פיער הונדערט פעכעלעך, אין יעדע פעכעלע אַ באַזונדער אות—און פון די קרוב פיער־הונדערט פעכעלעך (בתים) האָב איך געדאַרפט צונויפשטעלן און טאַקי צונויפגעשטעלט אַט דאָס זעלטענע משניות׳ל. דאָס פאַרמאָגן אַזאַ זעלטענעם אוצר פון שריפט אין אַזאַ מקום ווי לאָנדאָן, און ווי און ווען דער דאָזיקער זשיטאָמירער ייד, דער דרוקער האָט דאָס געפינען, איז שוין אַליין אַ שטיק פון דאָזיקן יידנס פאַרבעם און וווּנשן אין יענער פרעלימענאַרער צייט זיינער.

מיט דעם משניותל איז אויך פאַרבונדן נאָך אַ מעשהלע, וואָס ערקלערט דעם כאַראַקטער פונם דאָזיקן באָנטשע־שוויינ!

פונקט ווי דאָס „אות״ אָדער די אותיות האָט ער אויך ליב געהאַט און רעספּעקטירט דעם מענטשן וואָס האָט געקענט די קליינע אותיותלעך. און ווען ער האָט געפּאַקט אַזאַ מענטשן האָט ער אים געוואָלט ירשנען, באַזיצן, ווי אַן



אייגנטום. ביישפילן פון דעם זענען פאַראַן אַ סך, און זער פּאָפּולער זיינען די ביישפילן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. אַזוי האָט ער געוואָלט אַמאָל דורך דעם אות באַזיצן ביאַליקן; אַזוי האָט ער געהאַלטן און געהיטן ברענערן און אים געלערנט די „מלאכת הקודש״—און אַזוי האָט אויך געפונען חן אין זיין אויגן מיין וועניקייט אין יענע יאָרן . . . ווען :—דאָס איז געווען שפּעטער, אין 1916, —1917 אין מיטן דער מלחמה און רוסישער רעוואָלוציע, ס׳איז געווען פאַר אונזערס אַ מענטשן דאָמאָלט נאָר איין אויסוועג, אָדער גייען אין דער ענגלישער אַרמע, אָדער גיין אויפן רוף פון דער רוסישער רעוואָלוציע. און ס׳איז געקומען די שעה פון קריזיס פאַר אונז ביידן—„בעל־בית און אַרבעטער״ און ער האָט געפילט אַז ער גייט מיך פאַרלירן, אַז דער משניות גייט מיך פאַרלירן, און ער האָט צו מיר געזאָגט: גאָלדבערג, ווי אַז מען זאָל למשל מאַכן אַ מכפלה אָדער גאָר עפּעס אַן אוהל און אייך דאָרט אַריינשטעלן די פיער קאַסטנס און דאָרט עוסק זיין זעצן דעם משניות!!? — ביז די מלחמה וועט פאַרבייגער״? — — — און אויב דאָס איז ניט קדוש השם, פאַרן יידישן אות, וואָס איז?! וואָרום, אַז איר וועט זיך באַמיען פאַרשטעלן דאָס בילד, ניין, דאָס ווירקלעכע לעבן פון אַ יידישן דרוקער,כנוסח ר׳ ישראל און בתוכו פון הבחור־הזעצער; דאָס קליינע חדרל, ד׳ על ד׳, אָנגעפּראָפּט מיט קאַסטנס שריפט ביז דער סטעליע און איינגעפּאַסט ארום פיער קאַסטנס מיט קרוב פיער־הונדערט פעכעלעך מיט אותיות, (שמות און בתים פונקט ווי די סודות און רמזים אין די אותיות פון קבלה); אין קעלט און שלעכטער באַלייכטונג, יאָרן צו זעצן דאָרטן דאָס משניותל אַט דאָס האָט נאָר געקענט טון אַ ר׳ ישראל נאַראָדיצקי...

און כמעט זיכער בין איך, אַז אַט דאָ אין דעם זעלביקן שטיביקן צימערל, מיט יאָרן פריער פאַר מיר, ביים קאַסטן זעצנדיק זיין ה„מעורר״ (דער „וועקער״) האָט דער ליטעיקער קעמפנדיקער יוסף חיים ברענער, געזעצט [געזונגען] די אותיותלעך וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט די ווערטער: (וואָס זענען געווען במדת ישראל נאַראָדיצקי).

. . . החיים רעים, אבל תמיד סודיים . . . המות רע.
העולם מסוכסך, אבל גם מגון, ולפעמים יפה.
האדם אמלל, אבל יש וגם הוא נהדר.
צריך לעבוד כל־זמן שנשמתך בך.

* * *

מיט זעקס יאָר שפּעטער האָב איך זיך צוריק באַוויזן, נאָך נסיונות וגלגולים, פאַר נאַראָדיצקין, אין 48 מייל ענד רויד. ער איז געווען גליקלעך מיך ווידערצוזען אַ לעבעדיקן . . . ער האָט געשטראַלט געקוקט אויף מיר און געזאָגט אויף זיין שטייגער, אַן צערעמאָניעס און קינדיש: איר זעט, גאָלדבערג:, יעדע מינוט האָב איך פון אייך געדענקט—אַט טראָג איך נאָך אייער שניפּס, וואָס איר האָט אַרונטערגענומען פון אייער האַלדז, איידער איר זענט אַוועק, און מיר געגעבן אַלס אָנדענקן . . . איך טראָג אייך נאָך אַלץ אין מיין געדעכעניש״ — — —

אין לויף פון אונזער לעבן און יארן האב איך געארבעט ביי אים, ריכטיקער מיט אים אין אינטערוואלס (הפסקות). ניט שטענדיק האט די יידישע דרוקעריי אין 48 מייל ענד רויד, און שפעטער אין 129, קאוועל סטריט, געקענט כסדר באשעפטיקן א באצאלטן יידישן פועל. אבער די באציונג צו מיין בעל־בית־קאלעגע איז געבליבן די זעלבע ביז צו זיין טויט — א חברישע. איך האב געהאט דרך־ארץ (אפילו ווען אונזערע ווילנס האבן ניט געשטימט) פאר דעם סימבאל פון זיין רצון, ארבעטזאמקייט און ענערגיע . . . א יידישער פועל, איידער בעל־הבית —

[בחור־הזעצער ! דא דארף אריינקומען די באמערקונג:—ער האט קיינמאל קיין ארבעטער ווי געוועגליך פון א בעל־הבית ניט געגעבן קיין באפעלן (ארדערס) צו זיין ארבעטער ; אבער געווען שטרענג, עקשנותדיק ווען אן ארבעטער האט געטון די ארבעט אן קאפ.—„ווו איז אייער קאפ, אייער פארשטאנד“ ? האט ער זיך געבייזערט“ — און דער העכסטער „כעס“ זיינעם האט זיך פארענדעקט מיט נע !־נע !. . . נאך דעם נע ! אן הפסקה, א שעה, צוויי — נאראדיצקי שטייט ביי דעם זעלבן ארבעטער אדער שטעלט זיך אוועק ביי דער מאשין פונם הבחור־הזעצער, זיינע אויגן לייכטן פון עפעס א געדאנק, אדער פון אן ענטפלעקטער כוונה וואס ער האט געפונען אין אן אות און מ׳מוז הערן וואס דערציילט . . .

—נאראדיצקי,—פלעג איך אפט זאגן, די מאשין !“

— „א ! שטעלט אפ די מאשין אויף א מינוט און הערט !“—פלעגט ער זיך גוטמוטיק בייזערן.]—(לייענט ווייטער) :

מיט אן אויג וואס האט געשטראלט, און א הארץ וואס האט געקלאפט מיט לעבן פון פאלקס־אידעאלן; דער שומר פון יידישן אות און קעמפער פון געדרוקטן ווארט ; ער האט פונקט אזוי געקענט היטן מיט ביקס אויפן אקסעל יידישע וויינגערטנער אין יידישע קאלאניעס אויף די הייליקע ערד—דארט וואו ס׳איז געפאלן אויף קדוש השם זיין פריינט־חבר י. ח. ברענער. . . זיין נשמה האט געהערט ד א ר ט (זיין „הייליק לאנד“, אונטער דעם נאמען האט ער ארויסגעוויזן זיין ערשט ארויסגאבע, זשיטאמיר תרנ״א), און זיין גוף און זיין ענערגיע האט ער געשאנקן פאר די צוגרייטונג פון זיין יוגנט־ציעל.

און ווי גרויס איז דערפאר געווען זיין גליק ווען זיין יינגסטע טאכטער שולמית, אלס יוגנטלעכע חלוצה איז אוועק פון לאנדאן און פארווירקלעכט דעם טאטנס ווונטש, אפשר העכסטער שטרעבונג זיינער, און געווארן א שומרת אין די וויינגערטנער פון ציון. ער האט מיר געבראכט צו ווייזן איר בילד, שטייענדיק מיט ביקס אויף אקסלען אויף דער וואך פון יידישער וויינגערטנער און חלוצים־פראצע ! . . . און ווען ער האט געבראכט צו מיר איר קלייניקן יינגעלע, דוד, א קינד, אן איניקעל געבוירן אין פאלעסטינע, וואס האט גערעדט מיטן לשון וואס ער האט אזוי געליבט . . . גרויס איז געווען די שמחה אין זיין הארץ — ער האט דערפילט די פארווירקליכונג פון זיין אידעאל !

* * *

שווער און פעראנטווארטלעך איז די ארבעט פון יידישן דרוקער און פון



יידישן הבחור־הזעצער (נאראדיצקי איז געבליבן דער הבחור־הזעצער ביז טויט) ; ניט קיין סך פרייד פארשאפט אים די ארבעט, וועלכע איז שטענדיק א כאפעדיקע, אן אן אטעמדיקע; נאר אן ערפארענער רעדאקטאר אדער מחבר און שרייבער פארשטייט דעם געוויסן פון א דרוקער (א יידיש־העברעאישן ער מוז שטענדיק זיין אויפן פלאץ, ער טאר אפילו ניט קראנק זיין ; און זעלטן, זינט איך האב אים געקענט, איז ער אוועקגעשטאנען פון זיין פאסטן, ער איז געשטאנען אין דרוק אריינגעוואקסן אין זיין ארבייט, שטיל, לעבעדיק, און שטייענדיק האט ער געטון זיין ארבייט ; די ענערגיע האט געקאכט אין אים ווי אין א טויב, און (ער זאל מיר מוחל זיין!) אויך געברומט ביי דער ארבייט ווי א טויב, אין־זיך, שנעל, ריטמיש און שטיל—אן אויפהער, אן אפשטעל...

אז איך בין אנומעלט קראנק געווארן און אוועקגעשטאנען פון דער ארבעט, איז נאראדיצקי געקומען מיך מבקר־חולה זיין, אבער ער איז ניט געקומען איינער אליין. ער האט מיט זיך מיטגעבראכט א דאקטאר (אונזער ביידנס פריינט דאקטאר קרעסטין ע״ה, א ייד וואס האט זיין לעצטע יארן ליב געקראגן העברעאיש מערער ווי זיין מעדיצין). דער דאקטאר קרעסטין האט געדארפט ארויסגעבן זיין דאקטערשן פסק־דין, צי מיין קראנקייט איז טאקי אזוי ערנסט ווארים מיין קראנקייט האט געקענט גורם זיין דאס אויפהאלטן פון דרוק דעם — „ה ע ו ל ם ״.

* * *

דער „העולם“ ! דאס איז דאכט זיך געווען דער גליקלעכסטער קאפיטעל אין זיין לעבן אלס ארויסגעבער און דרוקער. 48 מייל ענד רויד האט זיך דאמאלט געפילט דערהויבן. יעדן פרייטיק, פאר פינף יארן כסדר, איז ארויס א העברעאישער וואכנבלאט. ס׳איז געווען דער בעסטער חלומשער־און רעאליסטישער עפאכע פאר זיין גאנץ לעבן. ס׳איז געווען גוט צוקוקן אויף נאראדיצקיס שטראלנדיק פנים, זיצנדיק אויבן אין קליינעם רעדאקציע צימערל נעבן רעדאקטאר, דעם ליבן און גרויסן רעדאקטאר, משה קליינמאן, שמאי פינסקי, דער לעבעדיקער, שפרודלדיקער טאלאנט און פריינט זיינער, און געליינט, געקנאקט ליטעראטור, לעבעדיקע צאפלדיקע העברעאישע ליטעראטור — פאר דעם גרויסן ציעל—ארץ־ישראל !

ווי האט ער געמוזט בענקן נאך יענער צייט !

* * *

יענע יארן זענען אוועק... די גרויזאמע מלחמה איז אנגעקומען און חרוב געמאכט אלץ אלץ . . . דריי יאר פון בליץ האב איך אים ניט געזען. א פאר וואכן פאר זיין טויט האט ער געשיקט נאך מיר, און איך האב אים געפינען— סימבאליש פאר דער באגעגעניש — אין מאנטאגיו רויד שוהל—ס׳איז פארגעקומען אן אזכרה פאר די געפאלענע יידישע קדושים אין פוילן. מיר זענען געזעסן צוזאמען אין שול און כ׳האב געכאפט א קוק אויף זיין פנים — זיינע אויגן זענען געווען נאס . . . שפעטער זענען מיר געשטאנען אין פאליש, און גערעדט געשעפטלעך ; דערמאנט, אז ער האט גרויסע פלענער אויסצופירן נאך...

דער מלחמה (ער האָט בלי ספק געמיינט דעם „ווילנער ש״ס״ !) . . . װאָלט און שוהאָך האָט ער שוין געפילט אָבער זיין געדאַנק און זיין ענערגיע האָט זיך ניט געעלטערט. אויך זיין שתקנות איז געבליבן. ער איז געווען ביי נאַטור אַ שתקן, אָבער איך גלויב אַז די מדה איז געווען פאַרבונדן מיט זיין יוגנטלעכער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט אַזויפיל פאַרשוויגן דער זשיטאָמירער ייד, אַזויפיל סודות מיטגענומען מיט זיך אין קבר אַריין: וועגן גרויסע מענטשן און גרויסע פריינט! אָבער איין סוד, דער מפתח פון זיין שווייגן, אפשר, האָט ער מיר יאָ דערציילט, אין יענע, יענע גוטע יאָרן נאָך. און דאָס: אַז ער איז געווען אין דער יוגנט אַ מקובל, געשפייזט זיך מיט זוהר און ענלעכע ספרים, געפאַסט תעניתים און סגופים אַזוי לאַנג און ברייט ביז וואַנען דער גוף איז געוואָרן אַזוי לייכט, אַז ער האָט זיך געפילט אַז ס׳איז זיין צייט צו ווערן נתגלה — — — פון יענער התגלות איז ער אַרויסגעקומען אַן ענטוישטער —

זינט יענער צייט איז געוויס אַוועק פופציג יאָרן אָבער ער האָט נאָך געמוזט געדענקן דעם אמר רבי אלעזר: השתיקה שלי בנתה את המקדש העליון ואת המקדש התחתון . . . און ער האָט געשוויגן ביז יציאת נשמה . . .

חבל שהאי שופרא בלא דארעא!

דוב ווארשאווסקי

## דער לעצטער געשפרעך . . .

דאָס איז געווען אין יאָר 1940. אַריינקומענדיק אין אַ געוויסן טאָג, צו ה׳ י. נאַראָדיצקין ז״ל אין דרוק, פרעגט ער מיר, צי וואָלט איך אים ניט געקענט טון די טובה, אויסצוגעפינען אויב זאב זשאַבאָטינסקי (ז״ל), געפינט זיך אין זיין ביוראָ, ווייל ער, נאַראָדיצקי האָט שוין געקלונגען עטלעכע מאָל און קען ניט באַקומען קיין ענטפער. איך בין געווען זייער גערן צו ערפילן זיין פאַרלאַנג.

צולעגנדיק דאָס טעלעפאָן־הערל צום אויער באַקום איך דעם פאָלגענדן אומגעריכטן ענטפער: „יאָ! מיר זוכן אייך טאַקע אַרום... היינט אָוונט קומט פאָר אַ געזעגנונגס־אָוונט לכבוד זשאַבאָטינסקין, צו זיין אָפּפאָר קיין אַמעריקאַ.— מיר ווילן איר זאָלט קומען . . . קיינע שריפטלעכע איינלאַדונגען . . .״ נאָטירלעך, איך בין באַפאָלמעכטיקט געוואָרן צו איבערגעבן דיזעלבע מונדלעכע איינלאַדונג צו ה׳ נאַראָדיצקין.

קומענדיק אין אָוונט אויפן באַשטימטן אָרט האָב איך שוין דאָרט געטראָפן י. נאַראָדיצקין. עס איז געווען אַ באַשיידענע אינטימע סביבה פון אייגענע מענטשן. זשאַבאָטינסקי רעדט. ער פירט אַדורך אַ קורצן סך־הכל פון זיין אַרבעט, ער געזעגנט זיך מיט זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער, און דאַן:

„. . . מיר האָבן דאָ צווישן אונז, אונזער אַן אַלטן פריינט און מיטאַרבעטער פון די יאָרן פון לעגיאָן״. עס ווערט אַ באַוועגונג אין זאַל, אַלע דרייען



אויס זייערע קעפ אין דער ריכטונג וווּ עס זיצט י. נאַראָדיצקי. און ווייטער: „ה׳ י. נאַראָדיצקי איז געווען פון אונזערע נאָענטע מיטאַרבעטער בעתן גרינדונג פון יידישן לעגיאָן (1917), וועלכער האָט אונז געדרוקט אונזער צייטונג „די טריבונע״, פאַר וועלכער ער, נאַראָדיצקי, האָט באַקומען באַצאָלט מיט שטיינער; געוואָרן באַיקאָטירט פון דעם יידישן וויטשעפּעל . . .״ (מער ווייניק דער אינהאַלט פון זשאַבאָטינסקיס ווערטער).

פאַר מיר, ווי פאַר די מייסטן פאַרזאַמעלטע, זיינען די דאָזיקע ווערטער געווען אַ גוואַלטיקע איבעראַשונג. נאַראָדיצקי, איז מיטאַמאָל, ביי מיר אין די אויגן אויסגעוואַקסן ריזיק־גרויס. ניט ווייל זשאַבאָטינסקי האָט אים געלויבט, נאָר פשוט פון דעם פאַקט, וואָס אַ מענטש האָט ריזיקירט מיט זיין חיונה, מיט זיין שטיקל־ברויט צוליב אַן אידעאַל . . . אַ שטיק צייט האָט מיר דאָס וואָרט ב אָ י ק אָ ט געעגבערט אין מוח. נאַראָדיצקי איז געווען באַיקאָטירט פון זיינע היינטיקע ציוניסטן־חברים, הלמאי ער האָט געוואָגט צו פרעדיקן די אידעע פון אַ יידישן לעגיאָן . . .

נאַראָדיצקי האָט זיין ציל דערגרייכט. נאָכן געזעגנונגס־אָוונט, האָט זיך זשאַבאָטינסקי פאַרשלאָסן מיט נאַראָדיצקין אין זיין פריוואַט־צימער, ווו זיי האָבן געשמועסט אַ לענגערע ווײַלע. עס איז געווען אַן אמתע געזעגנונג, אַ געזעגנונג אויף אייביק. דער לעצטער געשפרעך . . .

נאַראָדיצקי האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן דעם פאַרלויף פון געשפרעך. ניט דאָ איז דאָס אָרט צו איבערגעבן די פּרטים. נאָר וואָס איך קען זאָגן איז, אַז זיי האָבן געשמועסט וועגן זשאַבאָטינסקיס לעצטן בוך: „די אידן און די מלחמה״.

עס איז אינטערעסאַנט, נאַראָדיצקי איז געווען דער אינספּיראַטאָר פון דעם דערמאָנטן בוך.

נאַראָדיצקי דערציילט מיר: גלייך מיטן אויסברוך פון דער איצטיקער מלחמה האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, אַז עס איז נייטיק צו אַרויסקומען צו דער ניט־יידישער וועלט מיט אַ געדרוקט־וואָרט, וועגן דער יידישער טראַגעדיע, און דער איינציקער ייד וואָס איז פעאיג צו זאָגן דאָס שטאַרקע וואָרט — האָט ער געהאַלטן — איז זשאַבאָטינסקי. און נאַראָדיצקי האָט זיינס דערגרייכט.

• • •

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט דערציילט מיר נאַראָדיצקי: ער האָט ערגעץ ווו געלעזן זער אַ וויכטיקע רעדע וועגן ארץ־ישראל, פון וועלכער ער איז געוואָרן זער באַגייסטערט. נאַראָדיצקי האָט זיך דאַן געווענדעט צו אַ געוויסן ציוניסטישן פירער (ל.) מיט אַזאַ מין פאַרשלאָג: ער, נאַראָדיצקי וועט אָפּדרוקן אויף זיינע הוצאות עטלעכע טויזנט קאָפּיעס פון דער רעדע, און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל דאָס פאַרשפּרייטן צווישן עולם. אויף דעם האָט איב

דער ציוניסטישער פירער געענטפערט: „און וואס וועט מר. נאראדיצקי וועלן האבן פאר דעם?" נאראדיצקי איז פון דעם ענטפער אוועק א באליידיקטער...

• • •

געוויס, האט אזא ייד ווי נאראדיצקי געקענט פילן זיך געטראפן און באליידיקט פון אזא פראגע. ווארום אזא אידעאליסט ווי נאראדיצקי, וועלכער האט געקענט אפפערן מיט זיין פרנסה, מיט זיין עקזיסטענץ לטובת ארץ־ישראל (בעת דער גרינדונג פון יידישן לעגיאן) האט זיכער געמיינט ערלעך מיט זיין פראפאזיציע אפצודרוקן א פאר טויזנט קאפיעס אן שום באלוינונג, און אויב, א ציוניסטישער פארטרעטער האט זיך ניט געקענט פארשטעלן, אז עס זאל זיך געפינען א ייד וואס איז גרייט צוטון זיין חוב פאר ארץ־ישראל, אן שום באפרידיגונג, אין געלט אדער כבוד, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אז י. נאראדיצקי איז געווען פון די ווייניקע און זעלטענע יידן, וועלכע לאנדאז פארמאגט נאך. און אפשר אויך דער איינציקער . . . און דערפאר איז זיין אוועקגיין א גרויסער פארלוסט פארן לאנדאנער יקדנטום.

---

שבתי שיינפעלד.

## ישראל נאראדיצקי — ווי איך האב אים געזען

דער גרויסער יידישער דענקער, דר. נתן בירנבוים ז"ל האט מיר אמאל דערציילט:

זייענדיק אין אמעריקא דאס ערשטע מאל אין זיין בעל־תשובה־צייט, איז פונקט דעמאלט געפייערט געווארן, האכט זיך, די ערשטע יארצייט נאך שלום עליכם. צווישן אנדערעס איז אפגעהאלטן געווארן א הזכרה אויפן קבר פון נפטר. ווייסנדיק, אז דר. בירנבוים האט פון שטענדיק אן זיך געציילט צו די בעסטע און אינטימסטע פריינט פון שלום עליכם'ן, האט מען אויך אים געבעטן צו רעדן א פאר ווערטער אויפן קבר. בירנבוים האט די איינלאדונג אנגענומען און אלס לעצטער פון די רייע רעדנער איז ער צוגעגאנגען צום קבר און געזאגט: „ליבער פריינט, איך וויל דיר זאגן א פאר ווערטער וואס קיינער פון די רעדנער האט זיי דיר ביז איצט נישט געזאגט און וואס איך בין זיכער, אז זיי וועלן דיר איצט זיין נישט ווייניקער ניחא ווי די גרעסטע אנדערע דא דערציילטע שבחים — יתגדל ויתקדש שמיה רבה..."

• • •

אויפן פרישן קבר פון דעם ערלעכן מענטש ישראל נאראדיצקי פיל איך אויך פאר מיין חוב נאכצוזאגן א פאר ווערטער, וואס קיינער פון די פארשידענע שרייבער, ווי איך נעם אן, וועלן עס מסתמא נישט דערמאנען און וואס איך



גלויב, אז זיי וואלטן ר' ישראל נאראדיצקי ניחא געווען אפילו ביים לעבן און אוודאי און אוודאי איצט...

איך האב זיך מיט ר' ישראל נאראדיצקי ערשט נענטער באקאנט אין די לעצטע צוויי יאר. און ווען מיר האבן נאר געהאט א געלעגענהייט צו א אינטימען שמועס, האט ער שטענדיק ארויפגעברענגט דאס געשפרעך אויף זיין יוגנט־צייט, ווען ער איז געזעסן על התורה ועל העבודה. מיט שטאלץ און פול מיט אינערלעכער פריקד האט ער מיר דערציילט ווי ער האט צו 17 יאר מסיים געווען ש"ס און זיין יונג לעבן איז געווען אויסגעפילט אין די דלת אמות של הלכה. ווי אזוי ער איז דאן געווארן א „שנה ופירש" איז פאר מיר געבליבן א סוד, כאטש ער האט מיר כסדר געהאלטן אין איין צוזאגן, אז ער וועט מיר אמאל דערציילן זיין לעבנס־לויף, אפנים אז עס איז אים געווען עפעס אונאנגענעם דעריבער צו רעדן.

פון אונזערע שמועסן ארויס האט זיך פאר אים ארויסקריסטאליזירט די אידעע אונטערצונעמען ארויסצוגעבן א ש"ס פון ווילנער פארמאט מיט פיל אויסבעסערונגען. ער האט אמאל געלאזט פאלן, אז טאמער וועט ער אנהויבן דרוקן דאס ש"ס וועט ער דערלעבן ביז צום סיום, כלומרשט האט ער עס געזאגט האלב איראניש, אבער איך האב ביי אים דערקאנט, אז ער גלויבט פעסט אין זיין דאזיקער השערה... און זינט די אידעע פון ש"ס איז אים געקומען אויפן רעיון האט ער נישט גערוט, געקומען אין קאנטאקט מיט פארשידענע פערזענלעכקייטן, אויסגעארבעט א גענויען ארבעטס־פלאן, אויפגעשטעלט א דעטאלירטן בודזשעט, און איך האב געזען, אז דאס בלויזע רעדן פון דער אידעע האט אים פארשאפט גייסטיקן פארגעניגן.

• • •

זיינע ערשטע בעסטע יוגנט־יארן ווי זיינע לעצטע לעבנס־טעג זיינען אלזא געווען אויסגעפילט מיט ליבע צו תורה — זאל דאס דא פארצייכנט ווערן לכבוד זיין אנדענקען, — ישראל נאראדיצקי, וועלכער איז געשטארבן הייאר תש"ד, גראד אין שמחת־תורה — און וועט בלייבן שטענדיק געשעצט און געאכטעט ביים גרויסן און ווייטן קרייז פון זיינע פריינט און פארערער.

---

## „פריינט פון יידיש לשון“

אויף אַ זיצונג פון „פריינט פון יידיש לשון“ איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איינס פון אונזערע העפטלעך זאָל געווידמעט ווערן דעם אָנדענקן פון י. נאַראָדיצקי, ווי דעם פאַרלעגער פון אונזערע חודש־„העפטלעך“ און אויך בעיקר פאַר זיין וויכטיקער און אומדערמידליכער אַרבעט אַלץ אַרויסגעבער פון יידישן בוך בכלל דאָ אין לאָנדאָן. די באַטייליקטע אין דעם „העפט“ זיינען ס'רוב די, וואָס גרופּירן זיך אַרום די „יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס“. ביי דער זיצונג זיינען אויך בייגעווען די זין פונם נפטר, בר כוכבא און כרמל.

מיר האָבן אויך דערצו איינגעלאַדן דעם רעדאַקטאָר פון די „מצודה“ דר. ש. ראַווידאָוויטש, און דעם רעדאַקטאָר פון „אונזער וואָרט“, ש. גאָלדענבערג, ווייל די צוויי זשורנאַלן דערשיינען אין דער דרוקעריי פון י. נאַראָדיצקי, און אויך אייניקע שרייבער, וועלכע געהערן צום פּערסאָנאַל פון דער נאַראָדיצקי דרוקעריי. מיר ווייסן אַז מיט אַ חודש־העפטל (כאָטש אונזער נומער היינט האָלט 26 זייטלעך!) איז דער מאַטעריאַל וועגן נאַראָדיצקין וועלכער וואָלט געקענט געזאַמלט ווערן פון אונזער שרייבער דאָ אין לאָנדאָן, און פון זיינע השובע פריינט, נאָך נישט אויסגעשעפּט. אָבער דאָס איז אויך אומעגלעך פאַר אַ חודש־העפט. כאָטש ס'איז פאַרגרעסערט געוואָרן מער נאָך ווי דאָפּעלט, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פּרייז פון דעם העפט־נומער זאָל בלייבן דערזעלבער.

## מיטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאגס

(אין יידישן רידינג־רום, 38 אָדלער סטריט, א.1.—3 אַזייגער)

שבת, דעם 18־טן דעצעמבער, וועט דער נאָכמיטאָג זיין געווידמעט דעם 90־טן געבוירן יאָרן פון יעקב גאָרדין. דער פאַרטראָג וועט זיין: „יידיש־טעאַטער ביז און פון יעקב גאָרדין. מיט לינעצקי און צענזור־לידער וועט זיך באַטייליקן חזן אהרן פּאָלאָטניק. דיריגענט יעקב שערמאַן.

שבת, דעם 25־טן, וועט זיין ווי אַלע יאָר דער טראַדיציאָנעלער חנוכה־פייערונג. עס וועלן זיך באַטייליקן די שוישפּילערין דאָרא דימאַנט, י. ביטש, א. ראָכמאַן און אַנדערע.

שבת, דעם 1־טן יאַנואַר, אין געבוירן־טאָג פון מענדעלע מוכר־ספרים, וועט ווי אַלע יאָר זיין געווידמעט דעם קלאַסיקער פון אונזער ליטעראַטור. דער באַקאַנטער זשורנאַליסט, ש. גאָלדענבערג, וועט זיך אויך באַטייליקן מיט זכרונות איבער מענדעלען.

שבת, דעם 8־טן, וועט דר. אליהו אַלשוואַנגער האַלטן אַ פאַרטראָג: עמוס, דער ערשטער פרייער נביא.

**א. נ. שטענצל**

**6 פּענס**

פערלאָג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי, 129־131, קאָוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.



# אונזער יידיש שאפן

## דערציאונג צו גייסטיקייט און יידישע קולטור

אויב יידישע דערציאונג מיינט אויסלערנען דאָס יידישע קינד אָפּצושטאַמלען אַ „קדיש“ נאָכן טויט, די בר־מצוה הפטורה, מיט אַ וואָס העכערן קוויטשעריי אויסצוזינגען (וואָס אפילו אויך דאָס האָבן די כלערליי „עדוקיישאַן קאָמיטעס“ פאַרנאַכלעסיקט אין די לעצטע יאָרן...), גייט אונז באמת נישט אָן אויך איצט דער גאַנצער „קול־ענות“ געשריי פון די רבנים און כלל־טוער אין דער יידישער מחנה. ס'איז אפילו קיין גרויסער אונטערשיד אונז נישט, צי זיי די „מנהיגים“ מיינען עס באמת, דאָס וואָס זיי שרייען און טומלען, אָדער ס'איז נאָר אויף אַן אַנדערן אופן פּאָליטישע מאַכערייקעס און „אַפּיל“־מאַכעריי, בתופים ובמחולות, באַגלייט פון דער אייביק יידישער פּושקע קלאַפּעריי.

דער פאַרשלאָג דאָ איז צו יענע טאַטע־מאַמעס און צו יענע ערנסטע דערציער אין די תלמוד־תורה'ס און אין „אָווענט־קלאַסעס“, וואָס זייערע הערצער טוען באמת ווי, צוזעענדיק די גרויסע טראַגעדיע וועלכע געשעט מיטן יידישן קינד,—אין זין פון יידישן קיום איז זי לגמרי גאָרנישט קלענער ווי יענע אין דערהיים, אין פּוילן, אוקראַינע, וואָס מ'האָט פאַרגאַזט און אויסגעקוילעט! — דאָ פאַר אונזערע אויגן געשעט דער זעלבסטמאָרד פאַר אונזער ווייטערע עקזיסטענץ, און מיר אַליין בידים פירן מיר אים אויס.

דער פאַרשלאָג אונזערער איז אָנצוהויבן צו געבן דעם יידישן קינד אַ יידיש גייסטיקע קולטורעלע דערציאונג (נישט נאָר גייסטלעך־קולטישע...) — קיין אַנדערע ווירקלעכע און ווירקנדיקע דערציאונג איז בכלל נישט פאַרהאַנען! אונזער אַלטע דערציאונג אין חדר, אין דער ישיבה, בית־המדרש און אין חסידים־שטיבל, איז נישט געווען קיין איינזייטיקע רעליגיעזע־דערציאונג, דאָס וואָס מען האָט דאָרטן געלערנט איז געווען אונזער קולטור: די יידישע קולטור! און אַלע אומבאַדינגט נויטווענדיקע אַטריביוטן פון גייסטיקע שעפערישע קולטור, געזאַנג, טאַנץ, פאַרשטעלונג זיינען געווען אין אירע דלת־אמות של הלכה — —

אונזערע גייסטלעכע גאונים זיינען אויך געווען גאַנצע כאַראַקטערס און אמתע מנהיגים—נישט עפּעס איראָפּעאישע געמאַכטע דאָקטוירימלעך און האַלבע עמי־הארצים, און דערפאַר האָט אויך, אין זייער אַטמאָספערע, געקענט אַרויסוואַקסן און זיך אַנטוויקלען אונזער מאָדערנע קולטור מיט אַלע אירע קונסט־צווייגן. איז נישט אויך די איראָפּעאישע קולטור, די מאָלעריי, די מוזיק און אויך צום גרויסן טייל איר וואָרט־קונסט, נישט אַרויסגעוואַקסן און זיך ענט־